# תקנות הקהילה דקהל קודש אשכנזים
# אשר באמשטרדם יע״א :

&

# אמפליאציא
## בורגרמיישטרש אונ׳ רעגירדרש דער שטאט אמשטרדם
## הבין [...] גוט גפֿונדן

Amsterdam, [5]497 [i.e. 1737]

Copy held at Chabad - Lubavitch Library
https://www.hebrewbooks.org/37002

Another copy, British Library: 1982.b.1(1), does not include the "אמפליאציא" at the end.

YidNed 291 & YidNed 291.[1]

Transcription:
Ronny Reshef & Mirjam Gutschow
2023

Version October 2023

Transcribed using Transkribus, using

*Yiddish-Amsterdam-Baseline* model for Layout & *TakYidNL* model for Text recognition

[1 – 1r]

תקנות

הקהילה דקהל קודש אשכנזים
אשר באמשטרדם יע״א :

נדפסו

במצות אלופים קצינים
פרנסים וגבאי צדקה
יצ״ו :

לסדר כה תברכו את בני ישראל :

ולפרט

כי בשמחה **תצאו** ובשלום תכהלון
לפ״ק :

באמשטרדם

בדפוס ובבית
הגביר אברהם בן הישיש הנכבד רפאל
חזקיהו עטיאש זצ״ל :

[2 – 1v]

**הצעה**

**תקנות**
הקהילה אשר נתיסדו על ידי אלופים קצינים
פרנסים וגבאי צדקה מנהיגי קהלא קדישא יצ״ו :
הנקובים כשמותם בסוף ספר תקנות אלו והוטבעו
אדניה גם נוסדו עם רשיון השררה יר״ה כאשר יראה עין הקורא
בראשית דבר במבוא והתחלת התקנות . ותמצא מעדנים לנפשיך
לדעת כל ענייני וצורכי קהלתינו והנהגות בה״כ לא נעדר דבר .
ומעתה איש איש על מקומו יבוא בשלום להיות זריז ונזכ״ר שלא
לעבור ח״ו על דבר ולא על חצי דבר כדי שלא יהא נלכד
בעונש אשר ניתן ליכתב מאת שרי העיר ולא יהי
משוא פנים בדבר ולהשומע ישכון בטח ושאנן
כזית רענן . וה׳ יברך את עמו
בשלום : אמן :

**מודעה רבה**

**דש**
התקנות ביכֿר ניט פֿאר דיא רעכֿטי אונ׳ אורגינעלי
תקנות מקהל יצ״ו . ווערין גהלטין זיין אם לא דיא זעלבגי
ספֿרי התקנות וואו דא אונטר חתֿימת הקצין הגבאי
צדקה יצ״ו אין שטין ווערט . ובאם המצא ימצא איינר האבן זעלט
ספֿר תקנות וואו חתֿימה הנ״ל ניט אין שטיט הוא מזויף אונ׳ אום
גילטיג . אונ׳ דער זעלביגר שנמצא אצלו כמו הקונה ממנו מוזין
קנס געבן לצדקה עשרה זהובֿים בשביל כל ספֿר . אונ׳ דער אן
ברענגר זאל האבן מתנה הגונה מקהל יצ״ו והכל כפֿי הענין :

[3 – 2r]

עקסטראקט אויז דש צעהנטי
גרוש מעמאריאל בוך פאליא
115 בירושטנדי על סעקרעטרייא
דר שטאט אמשטרדם :

**בורגירמיינשטרן**
אונ׳ ריגיהררט דר שטאט
אמשטרדם האבן גיעקסאמניהרט
דיא דיפֿרענטן צווישן דיא
פרנסים אונ׳ אייניגי לידמאטי [יחידים] פֿון דיא הויך טייטשי
יודשי גימיינטי אלהיר . אונ׳ אנטפֿאנגן האבנדי עז ראפורט פֿון
דיא רבנים אונ׳ פרנסים פֿון דיא פורטגיזי יודשי גמיינטי . אן
ועלכֿי אירי אידלי  גרויש אכֿטבאהרי עז נאדרי אונטרזוך האבין
גידעמאנדיהרט [אויף גליגט] . האבין אירי אידלי גרויש אכֿטבאהרי
גוט גיפֿונדן אונ׳ פֿאר שטאנדן . צום יושטיפיקאציאון [רעכֿט
פֿערטגונג] פֿון זעלבגי פרנסים . דורך איין שטאט באטן אן
דיא גימיינטי אין איר פֿאר זאמלונג אויף דען צעהנטן דיזר ביקענט
צו מאכֿן בייא פובליקאציאון אן עש ענדי דיזו גריגישטרירט :
דש אירי אידלי גרוש אכֿטבארי זעלבגי פרנסים ארקענן
צו זיין פֿרומי אונ׳ אונבישפראכֿני [ערליכֿי] פרשוינן :
אונ׳ איז וויטרס בייא איהרי גרוש אכֿטבאהרי פֿרשטאנדן
זוא אז אירי אידלי גרוש אכֿטבאהרי האבן גוט גיפֿונדן . אונ׳ פֿאר
שטין בייא דיזם . צו מאנטינירונג פֿון דען רושט אונ׳ גוטי
אורדרי אונטר זעלבגי גימיינטי צו אורדניהרן עש נאך פֿאלגנדי :

**א**

**דאש**
דיא טעגין ווארטיגי פרנסים דורך איין ביקוואם בוך

האלטר

[4 – 2v]

האלטר בייא איינן אן צו שטעהלן . זולין טון מאכֿן איין אורדענטליך
אונ׳ פערטינענט בוך פֿון עש קאפיאהל אונ׳ דיא עפֿעקטין דיא
גמיינטי צו ביהערנדי . אלז אך פֿון דיא לאשטן דיא דיא גמיינטי
האט . זוא דאניג אונ׳ אין דיהרפֿוגן . דש דא אויז אל צייט
איין נעטי שטאד אונ׳ בלאנצי זול קענן ווערן גימאכֿט . אלז צו
מעהרדר דעשארשע [אנטלאשטונג] פֿון דיא פרנסים דיא אין עש
צו קומנדי ווערן אדמנישטרירן :

**ב**

**דאש**
דיא טעגין ווארטגי פרנסים אויף די גיוואונטלכֿי צייט
איהרי אויף פֿאלגרש זאלן עליגירן . זוא אונ׳ אין
דיא פֿוגונג אז ביז נוא צו איז גשעהן . אונ׳ דאש
דיא פֿאלגנדי עלעקסיא פֿון עש יאר 1736 זעלבגי זאל גשעהן
צום איבר שטין פֿון אלי דיא אלטי פרנסים אונ׳ פֿפֿענונג מיינשטרן
[גבאי צדקה] אום דא דאריך אלי אריג בילדונג [חשד] אין די
פֿאר קיזונג צו בנעמין :

**ג**

**דאש**
דיא טעגין ווארטגי פֿפֿענונג מיינשטרן [גבאים] פֿון
דיא האל . יוזלן [ב״ר אלקנה] לוי אונ׳ אברהם [בר]
צדוק אין איר דירעקסיע [התּמנותּ] זעלין בלייבן ביז
עש יאר 1736 אלש דען פרנסים צווייא נייאי גבאים בייא אינון
זעלין פֿאר קיזין [בוחר זיין] דיא נעבנש אינין דיא זאכֿן פֿון דיא
האל זאלין וואהר נעמין : אונ׳ זעלן יארליכֿש דיא צווייא עלשטי
אין בדינונג אב גין :

**ד**

**נאך**
דיא עלעקסיא פֿון עש יאר 1736 . זאל דורך אלי
דיא פרנסים . אלטי פרנסים אונ׳ גבאי צדקה דיא

טעגין

[5 – 3r]

טעגין ווארטיגי קירך ליכֿי ריגלימענטין [תקנות הקהלה] ווערדן
נאך גזעהן . אום זעלבגי צו קומפארמיהרן . אנגולירן . אודר
צו אמפלירן . אליש אויף אופרובאציא פֿון איהרי אידלי גרוש
אכֿטבאהרי :

**ה**

**אונ׳**
לעטשטליך איז בייא אירי אידלי גרויש אכֿטבאהרי
גיאורדניהרט אונ׳ פֿאר שטאנדן . איין אידרר פֿון
דיא גמיינטי זיך נאך דיא טעגין ווארטיגי ריגלימענטן
זאל האבן צו ריגולירן . ביז דאז זעלביגי ווערדן גיקומפארמיהרט
אודר פֿאר ענדרט זיין . זעלין מיטלר וייל דיא פרנסים אן דיא
גמיינטי פֿאלגנש זעלביגי בלייבן רעגירן מיט זוא דאניגי
עקסאקטיטודע אונ׳ אומזיכֿטיקייט [השגחה פרטית] . אז פֿון
פֿרומי אונ׳ פרידזאהמי פרנסים אונ׳ אין גיזעסני דיזר שטאט
ווערדי גירעקוריהרט [פֿאר הייסן] :

[זעלין אלי דיא זעלביגי דיא וועלכֿי אמטהערן [אן פֿיררש
פֿון אייניגי דיז אורדר אודר אום אייניקייט זעלטין ווערין ביפֿונדן
נאך דיא זעלביגי ריגלימענטן גישטראפֿט ווערן . אודר וואל זוא
[דאניג אלז בייא איהרי גרוש אכֿטבאהרי נאך עקסיגענציא [בפֿינדוג
פֿון זאכֿן צום מאנטינירונג פֿון דיא רושט אונ׳ פֿרידי אונטר דיא
גמיינטי ווערין בפֿינדן צו ביהערן . האבנדי איהרי אידלי גרוש
אכֿטבאהרי גיאורדניהרט דש דיזן אין סעקרעטארייא זולטי ווערין
גיריגישטרירט . אקטום דען 9 יוני 1735

**פאלגט דיא פובליקאציאון**

**בורגרמיינשטרן**
אונ׳ ריגירדרס דער שטאט

אמשטרדם מיט לייד זיין זיינדי
צום קענסי גיקומן [גוואר
גווארדן] דאש אייניגי צווייא שפאלט אונטר דיא הויך טייטשי

יודשי

[6 – 3v]

יודשי נאציא וואר אנטשטאנדן . אונ׳ וואל מיט בציהונג צום לאשטן פון
פרנסים . וועלכֿי זאך דורך בורגרמיינשטרן גיעקסאמניהרט זיינדי :

**זוא איז**
דש בורגימיינשטרן בייא דיזם פֿאר קלארין .
ניקש ביפֿונדן צו האבין צום לאשטין פֿון גימעלטי
פרנסים . אונ׳ זעלביגי ארקענין פֿאר פֿרומי
אונ׳ אונבישפראכני [ערליכֿי] לייטן . אקטום דען 9 יוני 1735

פרעאזענטיבוס אלי דיא הערן בורגימיינשטרן אונטן שטונד אין
קעניסי פון מיר סיקרעטראיט . וואר גצייכֿנט

פיטר עליאז

זיינדי דיזוז אויף פֿרייאטאג דען 10 יוני
1735 דעס אובנשט אום זיבן אויער דורך
איין שטאטס באדי אין דר קירך [שולן] דר
הויך טייטשי יודשי נאציאן גיפובלצירט [אב גלייאנט]

גצייכֿנט מיינשטר לע שטעבעננון דע יונגי

[7 – 1r]

תקנות הקהלה

**א הנהגות**
הקהילה וכֿל צורכֿיה וכֿל הבתי כנסיותֿ
והתֿחלקותֿ הצדקה אונ׳ אליש דא אן
דיפענדיהרט זאל גרעגהירט ווערין על ידי
קהל יצ״ו שהם ששה פרנסים והגבאי צדקה . אונ׳ גימעלטר
גבאי צדקה אחר כלותֿ שנה אחתֿ דיהנט ער בשנה שאחריו פֿאר
גבאי של ביקור חולים . ועל ידו ווערט הביקור חולים צעטיל
גרעגולירט באופֿן זה . דאש ער אסיגנירט על הגבאי צדקה אום
אן החולים בשר או תרנגולים או מעותֿ לכֿל אחד כפֿי הצורך מיט

ברענגט צו געבין . גבאי של ביקור חולים הנזכר זיצט גם כן
בהתועדות הפרנסים אונ׳ ווערט אים גם כן דא צו אן גיזאגט .
דאך הברירה בידו אום אצל קהל צו קומן . וויילן ער קיין דעה
אצל קהל האט . אם לא וועןׄ פרנס או גבאי צדקה מנקירן מעכׄט
אזי הגבאי ביקור חולים ימלא מקומו . ובאותו פעם האט ער
גם כן איין דעה כאחד מכולם :

**ב דז**

קיין דבׄר בעולם וואש קהלתׄינו בטרעפׄט זאל קענין
גדישפעניהרט ווערן בפׄרטותׄ אום מעותׄ מחלק צו
זיין אם לא מוז גישעהן דורך רעזילוציאן . בהתׄועדותׄ .
הפרנסים וגבאי צדקה . ועל פי רובׄ הדעותׄ . אמנם הרשותׄ
נתׄונה להגבאי צדקה אום אן איין אנדרן דער נצרך איז צו מעגין
געבן על פי עצמו וכׄפׄי ראותׄ עיניו עד סך א׳ ר״ט יתׄר
מיכן עד סך ששה זהובׄים ניט אנדרשט דרפׄין גישעהן אלש
בידיעתׄ ורצון הפרנס החודש . ומששה זהובׄים ולמעלה ניט
אנדרשט אלש על פי רובׄ הדעותׄ של כל הפרנסים יצ״ו . ובאם
הגבאי צדקה יותׄר אלש ערך הקצובׄ מעכׄט מחלק זיין שלא באופׄן
האמור זאל ער זולכׄיש מוזין במיטבׄ כספו מכיסו צאהלן . והגבאי
צדקה מחויבׄ לפחותׄ בכׄל חדש זיין בוך אצל קהל יצ״ו צו ברענגן
כדי זולכׄש על ידי הפרנסים קאן נאך גיזעהן ווערין כראוי :

א א 1 1
ג דז

[8 – 1v]

תקנות הקילה

**ג דז**

קיינר זאל קענין נבׄחר ווערין פׄאר גבאי צדקה אם לא
ער שוין שנים ושלשים שנים אלט איז . אונ׳ צו קיין
פרנס קיינר קענין נבׄחר ווערין באם צו פׄארין
קיין גבאי צדקה איז גיוועזין עד שיהיה בן ארבעים שנה . גם
זאל פׄאשט גישטעלט זיין דאש הן פרנס כמו גבאי צדקה זאל מוזן
גטאקסירט שטין לפחותׄ על חמשים פלעטין . מה גם דאז ניט
זאלן להבחירה גישטעלט ווערין אם לא איין מקום בביתׄ הכנסתׄ
הגדולה על פׄאלי שלו האבין . אך זאל איין פרנס לפחותׄ מוזין
עשרה שנים חתׄונה האבין גיהט . וזמן הנזכר גם כן בעל ביתׄ
בקהלתׄינו גיוועזין זיין . וגבאי צדקה זאל מוזן חמשה שנים

חתֿונה גיהט האבן אונ׳ זוא לאנג בעל ביתֿ בקהלתֿינו גוועזין זיין .
אונ׳ איין גבאי צדקה זאל קענין לאחר שני שנים דאש ער פֿון
זיין ביקור חולים גבאותֿ אב גאנגין איז ווידר נבֿחר ווערין לפרנס
וועןׅ שוין קיין ארבעים שנה אלט ווער באותו פעם :

**ד דז**

קיינר זאל קענין נבֿחר ווערין לפרנס או לגבאי צדקה
או לשאר התמנותֿ הקהל דער גוואונטליך איז בתמידותֿ
צו רייזן חוץ למדינה זו . אם לא דער זעלביגר
בשבֿועה אן נעמט דז בזמן התמנותֿ שלו ניט מער זוא קונטיניוויהרלייך
כמקדם רייזן ווערט :

**ה דאש**

אלי סעסיאנאנטין אודר אקורדאנטין ווען שון
פֿולקומליך אירי פֿרייאהייט אודר ערשטעלונג
בקומן האבין ניט זאלן ווערין גאדמיטיהרט
לפרנס או לגבאי צדקה ואפילו לשאר גבאותֿ או לשירותֿ הקהל יהיה
מה שיהיה . ומכל שכן קייני זולכֿי לייטין וועלכֿי על ידי השררה
יר״ה קרימינעל מעכֿטין גשטראפֿט זיין ווארין . גם אלי לייטן
דיא רעשטאנטין לצדקה חייבֿ זיין אונ׳ זולכש ניט וועלין בצאהלן
כהאי גוונא ניט קענין נבֿחר ווערין לשום התמנותֿ הקהל ביז איר
חובֿ להצדקה פֿול טאן האבין . אונ׳ דאז זאלכֿש זאל מפֿורסם
לכל זיין זאל תיקון זה בכל שנה קודם ראש השנה בכל הבתי כנסיותֿ
אב גלייאנט ווערין דז איין אידרר דער נאך ווישן זאל צו ריכֿטן :

ו דער

[9 – 2r]

תקנות הקהילה [ב][1]

**ו דער**

גבאי צדקה איז מחויבֿ בעצמו אין צו ליגן אונ׳ אין
צו פֿאדרן אלי הכֿנסותֿ של הצדקה אונ׳ מזה אלי
הוצאותֿ אויש געבן ביושר ועל פי אופֿנים הנזכרים
למעלה בסימן ב׳ . ובכל שנה בליל ראשון דחול המועד סוכות איז
ער מחויבֿ זיין גינראלי חשבון פֿר אלופֿים פרנסים אב צו ליגן ובצדק
בפֿינדידן זיין חשבון צו אפרוביהרן אונ׳ צו אונטר צייכֿנן . ולמחרתֿו

[1] Letter *bet* not visible in the copy used (Hebrew books). However, it is visible in two of the three the copies on the website of NLI.

זול על ידי השמש בבית הכנסת הגדולה אב גילייאנט ווערון כמה
החשבון של כל ההוצאות וההכנסות בטראגין האבין . אונ׳
הקונטרע ביכיר של הגבאי צדקה זאלן בחדר הקהל בלייבן :

**ז הבחירה**

של הפרנסים וגבאי צדקה זאל גישעהן
בכל שנה בליל ראשון דחול המועד סוכות
באופן זה . הששה פרנסים ושני
הגבאים הצדקה והביקור חולים יתועדו בחדר הקהל . אונ׳ על
פי רוב הדעות של הפרנסים והגבאי צדקה זאל איין צעטיל
אודר נאמינאציא גימאכט ווערין של הבחירה . אחר כך זיין
הפרנסים והגבאי צדקה בוחר אלי יחידים הגונים דיא בפנקס הקהל
שטין ווערכי לפחות עשרים פלעטין האלטין . והשמות של כל
היחידים הראוים זאלן אויף בריבכיר גישריבן ווערין אונ׳ בקלפי
איין גליגט ווערן . אחר כך ציהט הפרנס החודש אויז הקלפי
חמשה ועשרים אנשים דיא ניט נוגעים בקורבה זאלן זיין . אונ׳
דיא גיצוגני ך״ה אנשים גליגט ווערין אין איין אנדרי גישלאסני ביקס .
אונ׳ פון דיא זעלביגי ציהט הפרנס החודש ווידר שבעה אנשים בזה
אחר זה ווערכי מיד איינציג ווייז על ידי השמשים ווערין גיהוילט .
אונ׳ לבית הכנסת הגדולה גפיהרט אויף דען אלמימר כדי איין
אידרר זיין דעה לשם שמים זאל שרייבן . אונ׳ שם על האלמימר
ליגט צעטיל של הבחירה . וואו אויז איין אידרר זיבנר זיין דעה
לשלשה פרנסים וגבאי צדקה אחד שרייבט על צעטילכי דהיינו מוזין
ניט פסולים מחמת קורבה ביחד זיין באופן שנזכר לקמן . אונ׳
גימעלטר זיבנר זיין צעטלפכי מיט דיא גישריבני דעות בעצמו ברענגט
בחדר הקהל . אונ׳ אין איין גישלאסני ביקס המוכן לכך אריין
ווארפן . אחרי כל זה ווערט גירופן הגאון אב״ד דקהילתינו נר״ו

א ב 2 1
ובביאתו

[10 – 2v]

תקנות הקהילה

ובביאתו שמה זאל דיא גימעלטי גישלאסני ביקס עפינן במעמד
הקהל וז׳ אנשים וביחד הדעות נאך זעהן . אונ׳ ווער דען ביפונדן
ווערט רוב הדעות צו האבין לפרנס או לגבאי צדקה הוא הנבחר
דהיינו פרנס על משך זמן שני שנים וגבאי צדקה על שנה אחת .
לשנה שאחריה לגבאי ביקור חולים מוזין דינן כנזכר בסימן א׳ :

**ח באם**
בפֿונדין ווערט דאש שני אנשים גלייכֿי דעותֿ
העטין לפרנס או לגבאי צדקה זאל הפרנס החודש
ביניהם גורל ווארפֿן מי שיהיה נבֿחר משניהם .
והפרנס החודש זאל אלי דעותֿ אין ביווארונג נעמין ביז פֿאר זיכֿרט
איז דאש הפרנסים וגבאי צדקה שנבֿחרו איר פרנסותֿ וגבאותֿ אן
גינומן האבין . קיין זיבנד דארף קיין דעה על עצמו שרייבן הן
לפרנס או לגבאי צדקה . ובאם דאך זיך זעלברט מעכֿט
איין דעה געבן ישלם קנס לצדקה חמשה ושבֿעים זהובֿים אונ׳ זיין
דעה זאל דאך בטל זיין אונ׳ ניט באותֿו זמן גאדמטיהרט ווערין
לפרנס או לגבאי צדקה כלל וען שוין דיא דעותֿ פֿון דיא אנדרי
זיבנדש העט :

**ט הפרנסים**
והגבאי צדקה דיא נבֿחר גיווארין זיין
מחויבֿים להודיע להשמש דער זייא עש
פרנסותֿ או גבאותֿ ביקענט מאכֿט אויב
זעלכֿש אן נעמן . ובאם אחד מהם ווייגרט אן צו נעמין זאל
דער זעלביגר דער ביפֿונדן ווערט נאך אים רובֿ הדעותֿ מן הזיבנרש
צו האבין גיהאט במקומו נבֿחר ווערין . ובאם דער זעלביגר גם
כן זולכֿש ווייגרט זאל השלישי דער אחריו רובֿ הדעותֿ גיהאט מהז׳
אנשים ממלא מקומו מוזן זיין אונ׳ זוא פֿאר פֿולגנש . אונ׳ זוא
וואול דער ערשטער שנבֿחר אלש דיא פֿולגינדי דיא זעלכֿש ניט האבין
ווערלין אדמיטיהרן זאלן מוזן ביצאלן קנס לצדקה בעד הפרנסותֿ שלשה
מאותֿ זהובֿים . ובעד הגבאותֿ שני מאותֿ זהובֿים . וכֿהאי גוונא
זאלין מוזן הקנס הנ״ל צאלין דיא פרנסים או גבאי צדקה וגבאי ביקור
חולים דיא אירן התֿמנותֿ ניט עד סוף זמן הקצובֿ אויז גדינט האבין .
וקנס הנ״ל זאל מוזין גיצאלט ווערן תוך שמנה ימים נאך דיא ווייגרונג

מן

[11 – 3r]

תקנות הקהילה ג

מן הפרנסותֿ או גבאותֿ ובאופֿן הנזכר . ובתֿוך הזמן דאש ער ניט
גיצאלט האט איז ער נדחה מביתֿ הכנסתֿ :

**י אחר**
שנבֿחרו הפרנסים והגבאי צדקה זאלין השמותֿ של

השׂשה רעגירנדי פרנסים אין איין קלפי גליגט
ווערין אונ׳ ווער צום ערשטן זיין שם ארויז קומט
איז דער ערשטר פרנס החודש על שני חדשים . ואחריו השני
וכֵן כולם . הגאון אב״ד נר״ו במעמד אב גינדי פרנסים זאלן שבֻועה
אב נעמן בפתִיחתּ ארון הקודש אן דיא אן גיקומני נייאי שלשה פרנסים
והגבאי צדקה דאש איר התִמנותּ ווערין וואר נעמין בצדק וביושר
וביראתּ אלהים :

**יא דז**

קיין אב גינדר פרנס ניט ווידר על צעטיל הבחירה
קען גישטעלט ווערן עד שיעבֻרו שני שנים דש ער
אב גיגאנגן איז . והגבאי צדקה עד אחר שני שנים
דש מן ביקור חולים גבאותּ אב גאנגין איז . וכהאי גוונא מי שנבֻחר
לפרנס או לגבאי צדקה אונ׳ גווייגרט או דער בתֹוך הזמן פֿון זיין
התִמנותּ זעלכֹש פֿאר לאזן זאל ער ניט נבֻחר קענין ווערין עד אחר
כלותּ שני שנים מן הזמן דש ער זיין קנס ווערט אב גצאלט האבן :

**יב דז**

בשתי בתי כנסיותּ שסמוך לבית הכנסתּ הגדולה זאל
בכֹל שבֻוע איין פרנס שם מוזין זיצן על הסדר איינר
נאך דען אנדרן דהיינו לפחותּ בשבתּ ויום טובֿ
ובשאר ימי קריאתּ התורה . אכֵן הפרנס החודש אין זיין שני
חדשים איז פטור מזה . וויילן בביתּ הכנסתּ הגדולה מוז בלייבן
ואותֹו הפרנס דער באחד משתי בתי כנסיותּ הנ״ל זיצט זאל שם
רעהגירן כל ענייני וצורכֵי ביתּ הכנסתּ וכפֿי התיקון . והפרנס
שמגיע זמנו אום צו זיצן באחד משתי בתי הכנסיותּ הנ״ל אונ׳ זולכֹש
ניט טון וועלט זאל בכל פעם שיעבֻור בשבתּ וי״ט ושאר ימי קה״ת
מוזין קנס לצדקה געבן שני ר״ט . אונ׳ זאל ניט ווידר אצל התִוועדותּ
הקהל אן גיזאגט ווערין עד שכבֻר שילם הקנס הנ״ל . דאך איין פרנס
שהוא זקן יותֵר משבֻעים שנה זאל פטור מכל הנזכר זיין :

יג התועדות

[12 – 3v]

תקנות הקהילה

**יג התועדות**

הפרנסים וגבאי צדקה זאל זיין בחדר
הקהל אונ׳ אחד מן השמשים זאגט אן

לכל הפרנסים וגבאי צדקה על פי
אורדר הפרנס החודש באיזה יום ובאיזה זמן זיא ביחד זעלין
קומן . אונ׳ ועלכֿר פרנס דער דען על זמן המוגבֿל ניט קעם
זאל בכל פעם זוא פֿיל קנס לצדקה מוזין געבין אליש הסך וואס
הפרנס החודש להחבֿרותֿה האט לאזין אן זאגין . דאך וועןֿ
תירוץ מספיק וטעם נכון געבין קענט דאז באותֿו פעם ניט קומן
קענט זאל פטור מהקנס זיין :

**יד באם**

התֿועדותֿ הקהל ניט קומפלעט איז זאל בראשונה
הגבאי של הביקור חולים איין דעה האבין
במקום הפרנס או הגבאי צדקה דער זיך ניט
שם פֿינדט כנז׳ בטי׳ א׳ . ובאם יותֿר אז אחד מנקירן זעלט אונ׳ איין
זאך פֿון אימפרטנציא פֿאר גיט זאל אנטבאטן ווערין מן השלשה אב
גיגאנגנה פרנסים ועלפי הגורל . אונ׳ וועןֿ דיא זעלביגי מחמתֿ טעם
נכֿון או מחמתֿ קורבֿה ניט זעלטן קומן קענין . זאלין מן דיא אלטי
פרנסים משנה שעבֿרה גירופֿן ווערין . אונ׳ אלי דיא באופֿן הנ״ל
להתֿוועדותֿ הקהל גירופֿן ווערין אונ׳ ניט קומן זונדר תירוץ מספיק
צו האבין יתֿחייבֿו לשלם קנס לצדקה אזו פֿיל אז אן דיא זעלביגי מן השמש
בפֿקודתֿ הפרנס החודש איז אן גיזאגט וואֿרין :

**טו הפרנס**

החודש לבֿד זאל אלי פֿאר פֿאלנדי זאכֿין
באסיפֿתֿ הפרנסים פראפֿאניהרן אודר פֿאר
שטעלין . אבר קיין אנדרר פרנס או גבאי
רק וועןֿ פרנס אחר או גבאי דבֿר מה העט פֿאר צו שטעלין זעלכֿש
ביחידותֿ להפרנס החודש ביקענט מאכֿין דער באם זולכֿש גוט פֿינדט
להחבֿרותֿה אויף טראגט אונ׳ אויף אלי פֿאר גישטעלטי אונ׳
גיפראפֿוניהרטי זאכֿין על ידי הפרנס החודש איז איין אידרר פרנס
וגבאי צדקה מחויבֿ דארויף זיין דעה צו געבין . אונ׳ ניט דארפֿין מחדר
הקהל אוועק גין ביז זיין מיינונג על זה געבן האט . אם לא ברשותֿ
והורמנא של הפרנס החודש . גם אלז וואש על פי רובֿ הדעותֿ

בהתֿועדותֿ

[13 – 4r]



בהתוועדות הקהל בשלאסין אודר גרעזלוויהרט ווערט מוז מן
כולם ווערדין אונטר צייכנט . אפילו פון דען זעלביגר דער דעתו
ניט נוטה לכך גוועזן . ופרנס או גבאי דער עובר מאכט זיין
אויף אייני פון דיזי גמעלטי פונקטון שלם קנס לצדקה עשרים ר״ט :

**טז אלי**

אנדרי התמנות כמו האל גבאים גובים הגבאים
מן שארי בתי כנסיות והצדקות חתן תורה וחתן
בראשית זאלין נבחר ווערין אין קומפלעטי
חברותה מקהל יג״ו על פי רוב הדעות דהיינו חתן תורה ובראשית
ווערן נבחר בליל ראשון דחול המועד סוכות קודם בחירת
הפרנסים ושארי הגבאים הנזכרים בסימן זה בליל הושענא רבה
ובאופן הנ״ל :

**יז חתן**

תורה וחתן בראשית שנבחרו מקהל יצ״ו באופן
הנ״ל זיין מחויב צו זיצן בשמחת תורה ובשבת
בראשית על מקומם המיוחד להם בבית הכנסת
כנהוג . החתן תורה והחתן בראשית מוזין כל אחד מהם מנדר
זיין בבית הכנסת הגדולה בשמחת תורה לכל צדקה א׳ ר״ט שעולה
ביחד שבעה ר״ט . ובשבת בראשית חייבים לנדר כל אחד מהם
לכל צדקה רביעית ר״ט . אין שארי בתי כנסיות מוזין כל אחד
מהם מנדר זיין בשמחת תורה חצי ר״ט לכל צדקה מהשבעה
צדקות . ובשבת בראשית לכל צדקה א׳ שילונג . אונ׳ דער
ווייגרין מעכט להיות חתן תורה או חתן בראשית אודר ניט ווען
זיצין על מקומו הראוי כנ״ל מן בית הכנסת הגדולה ישלם קנס
לצדקה סך חמשים זהובים ומן אנדרי בתי כנסיות סך חמשה
ועשרים זהובים . וועליך קנס מוז גיצאלט ווערין תוך שמונה
ימים אחר שנבחרו :

**יח אלי**

יחידי ותושבי קהילתינו זיין מחוייב בכל שנה
קודם פסח פלעטין מעות צו צאהלין . אונ׳
פאר אידרן פלעט זאלין בצאהלן זוא פיל דש על

ידי הפרנסים והגבאי צדקה על פי רובֿ הדעותֿ ווערט גוט
בפֿונדן . אונ׳ דען ערך כמה פלעטין על יחיד ותושב זאל

גטאקסיהרט

[14 – 4v]

תקנות הקהילה

גטאקסיהרט ווערין  זאל מוזין גשעהן דורך דיא ששה פרנסים
והגבאי צדקה והגבאי ביקור חולים ווערכֿי אצלם מצרף זיין שבֿעה
אנשים הגונים שאינם פסולים בקורבֿה ביחד . ווערכֿי חמשה
עשר אנשים על פי רובֿ הדעותֿ ערך הנ״ל רעגוליהרן מוזין .
אונ׳ אליש וואש גרעזלוויהרט ווערט אונטר צייכֿנן . אמנם דיזי
גמעלטי שבעה אנשים זאלין מוזין שנים מהם גטאקסיהרט שטין
כל אחד לפחותֿ על מאה פלעטין . ושנים מהם אונטר מאה
לפחותֿ על ששים פלעטין . ושלשה מהם אונטר ששים לפחות
על שלשים פלעטין . ווערך הנ״ל זאל מן אן היחידים אן ליגין בכל
ארבעה שנים באופֿן הנ״ל וההתֿחלה זאל זיין לאחר חנוכה משנת
תצ״ח הבע״ל וויילן לעטשטר גימאכטר ערך באותו זמן נשלם איז :

**יט דש**
וועז הפרנסים והגבאי צדקה יצ״ו מעכֿטין גוט
בפֿינדן לפי צורך השעה אן היחידים והתושבֿים
דקהלתֿינו באותֿה השנה נאך איין מאל פלעטין
מעותֿ אן צו ליגן הרשותֿ נתֿונה להם . אך בתנאי דאש מוז
גשעהן בידיעתֿ והסכמתֿ אלי אלטי פרנסים וגבאי צדקה דהיינו
על פי רוב הדעותֿ פֿון אלי רעגירדי אונ׳ אלטי פרנסים וגבאי
צדקה דיא זיך באותו פעם בחדר הקהל פֿינדן . גם זעלין דיא
רעגירנדי פרנסים וגבאי צדקה לבֿד על פי רובֿ הדעותֿ טאקסירן
אן איין אידרום דר זיך פֿאר בעל ביתֿ בקהילתֿנו אין צייכֿנט כמה
פלעטין ער כל שנה הלטין זאל אונ׳ זולכֿש אך לפי ערך הנדין
גרעגוליהרט ווערט :

**ך דש**
קיין יחיד אורח ותושבֿ בקהלתֿינו זאל דארפֿין
קאפֿין בשר בוטין אונזר טיישטי האל . גם בשר
מלוח כמו בשר יבֿש אודר פֿריש פֿלייש או ווערשט
פֿעט . אודר אב פֿאל דש פֿון דרושן לכאן גבראכֿט ווערט הן
דרך מכֿירה כמו דרך מתנה איז הכל בכלל האיסור . חוץ צונגין

איז מותר בכל אופֿן שיהיה ווען ידוע איז דאש כשר ווערין .
והעובר אויף אייני פֿון גמעלטי זאכֿין בפעם הראשון זאל מוזין
לצדקה קנס געבן חמשים זהובֿים . הן המוכֿר כמו הקונה אודר

דער

[15 – 5r]



דער זעלכֿש בשר גברויכֿט . אונ׳ זאל נדחה זיין מבית הכנסת
ביז קנס הנ״ל פֿול טאן האט . ואם יעבור פעם שנית אם הוא
בעל הבית בקהלתֿינו האט זיין חזקת הקהילה פר לארין . ובאם
עש איין אורח או תושבֿ ווער זאל ער כל ימיו צו קיין דבר
שבקדושה גרייכן קענין עד שישלם הקנס לצדקה אשר יושת עליו
מן הפרנסים וגבאי צדקה כפֿי ראות עיניהם וכפֿי הענין בפֿונדן ווערט
ובאם איינר בקהלתֿינו איין בהמה גסה פֿר צורך ביתֿו וויל לאזין
שחטן זאל ער אן דען האל גאבי דא פֿאר מוזין צאלין שלשה ר״ט .
אונ׳ פֿר בהמה דקה עגל שלשים ב״ש . כבֿש ששה ב״ש אונ׳ דען
מוז גשחטן ווערין על ידי אחד מהשוחטים דקהלתֿינו וועלכֿר שוחט
דא פֿאר גניסט מבהמה גסה שנים עשר ב״ש . מן עגל ח׳ ב״ש
מן כבֿש ששה ב״ש . ובאם טריפֿה בפֿונדן ווערט זאל השוחט
המחצה מסך הנזכר האבין :

**דְא דש**
זיין בוטין בתי כנסיות הקבֿועים זאל קיין מנין
בשום מקום דרפֿין גמאכֿט ווערין  ומכל שכן
עם קראת ספֿר תורה באיזה אופֿן שיהיה .
אפֿילו בייא דיא חבֿרות ניט . וויילן זולכֿש גדול היזק להצדקה גורם
איז אונ׳ פירצה גדולה בקהלתֿינו על ידי זה פֿאר אורזאכֿט . דאך נחיה
ולא נמות באבֿלים בתֿוך השבֿעה מעג מן שחרית וערבֿית מנין מאכֿין
אבר בלי ספֿר תורה . גם זאל מותר זיין להתֿפלל עם מנין אצל כל
סעודות של מצוה דאך זונדר קריאת ספֿר תורה וויא אך בכֿל מוצאי
שבתֿות וימים טובֿים בייא דיא אבֿלים תוך י״ב חודש ומעריבֿ בזמנו
בכֿל מקום . גם בתשעה באבֿ מעג מן מנין מאכֿין בכֿל מקום
ואפֿילו עם ספֿר תורה . ולהגאון אב״ד נר״ו איז גיפֿערמיטירט בשבת
ויום טובֿ איין השכמה צו מאכֿן מיט אורחים דיא ניט כאן וואונן דאך
בלי קריאת ספֿר תורה . ולאחר ההשכמה הנ״ל גמאכֿט איז
דארפֿין ניט בביתֿו חוזר ומתֿפלל זיין . ובימי החול לגמרי קיין
מנין גימאכֿט ווערין אצל אב״ד . חוץ מעריב בזמנו כנ״ל . אונ׳

ווילן קיין קריאת ספֿר תורה אצל הגאון אב״ד נר״ו בשבתּ גשיכֿט
זאל הגאון אב״ד בכל שבתּ איין חיוב לשלישי זיין . גם זאל ער
חיובֿ זיין בכל מתנותּ יד וביום הכפורים כתיקון מקדם . ומי

ב א 1 2
שיעבֿור

[16 – 5v]

תקנות הקהילה

שיעבֿור אונ׳ דאך מנין מאכֿין זעלט בזמן ומקום דאש אים ניט
גפערמיטירט איז באופֿן הנ״ל . אם הוא בלי קריאת ספֿר תורה
זאל בכל פעם קנס לצדקה געבן חמשים זהובים . ובאם מנין
מאכֿט עם קריאת ספֿר תורה ישלם מאה זהובים . וכהאי גוונא
דער זעלבגיר דער זיך אצל מנין בפֿונדן האט גם כן בלי פתֿחון
פה מוזין צאלין לצדקה קנס חמשים זהובֿים . אונ׳ קייני פֿון
דיא גמעלטי דיא קנס חייבֿ זיין ניט בביתּ הכנסתּ דארפֿין קומין
ביז פֿול טאן האבן אירן קנס הקצוב למעלה :

**כב דש**

קיינר זיך זאל דארפֿין אויף שטעלין . אונ׳
אופהוזירן נגד הפרנסים וגבאי צדקה יצ״ו אונ׳
ניט מסרבֿ זיין קיגן אירי רעזילוציאן . ומכל
שכן קיין זך צו אונטר נעמין נגד תקנותּ קהילתֿינו יצ״ו . על אחת כמה
וכמה קיינר זאל דארפֿין איינגי קומפלאט נגד קהל יצ״ו והצדקה צו
מאכֿין . אך זיך ניט פורש צו זיין מן העדה הקדושה אום האל
מקוה או בית הכנסת וכיוצא בזה אויף צו ריכטן . ועלכֿש גורם
קענט זיין היזק והפֿסד להצדקה והעניים אף גם קטטה ומריבֿה
או פירוד בקהלתֿינו פֿר אורזאכין זעלט . ומי שיתן כתף סודרת
אונ׳ עובֿר זיין על הנ״ל הן על כולו או על מקצתֿו לא לבֿד דאש
זעלכר בכלל איז מהפורשים מדרכי צבור גם זאל פר פֿאלין זיין
אין איין קנס פֿון סך אלף זהובים לצדקה כתיקון קדמונים .
אונ׳ זאל צו קיין דבֿר שבקדושה ניט צו גלאזין ווערן ביז קנס
הנ״ל אב גצאלט ווערט האבין . אונ׳ דאך ערשט זיך גסובמעטהירט
ווערט האבן אן קהל יצ״ו אונ׳ אן תקנותּ קהלתֿינו ועל ידי כך
קהלתֿינו הקדושה בהשקט ובֿטח ווערט זיין . ואיש על מקומו
יבא בשלום ואהבה אחוה ורעותּ בין יחידי סגולה זיין . אונ׳ דיזן
ארטיקל זאל בכל שנה ח׳ ימים קודם ראש השנה בכל בתי כנסיות
גפובליציהרט ווערין :

**כג דש**

איין אידר בביתֿ הכנסתֿ זאל שטין באימה
וביראה כראוי אונ׳ מתֿפלל בכוונה זיין . ומי
שיערב לבו אום אן חבֿירו איינגי דבֿרי גנאי

וזלזולים

[17 – 6r]

תקנות הקהילה                    ו

וזלזולים צו רידן זאל ער מחויבֿ זיין מיד חוץ לביתֿ הכנסתֿ צו גין .
אונ׳ ניט ווידר בביתֿ הכנסתֿ דארפֿין קומן עד שישלם קנס לצדקה
ששה ר״ט . ובאם חבירו אים ווידר משיבֿ ווער בדבֿרי גנאי
וזלזול גם כן חוץ לביתֿ הכנסתֿ מוזין בלייבן עד שישלם קנס ארבעה
ר״ט לצדקה . ובאם איינר דיא חוצפה העט אום לחבֿרו צו שלאגין
זאל נדחה זיין מן ביתֿ הכנסתֿ עד עשרה ר״ט קנס לצדקה
בצאלט . ונוסף על זה תוך חודש ימים ניט דרפֿין עולה לתורה
זיין . וכן חבֿרו דער זיך דיפֿענדיהרן זעלט אום ווידרום צו
שלאגין זאל ער גם כן נדחה זיין מן ביתֿ הכנסתֿ עד שישלם
שמונה ר״ט לצדקה וגם בתוך שני שבועותֿ ניט עולה לתורה זיין .
וכהאי גוונא נשים דיא זיך מעכטין שעלטין אודר שלאגין בבית
הכנסתֿ זאלן די נשים המתֿחילין זמן שני שבֿועותֿ נדחה זיין מביתֿ
הכנסתֿ . אונ׳ דיא ווידראום גשאלטן אודר גשלאגן האבין בתוך
שמונה ימים ניט בביתֿ הכנסתֿ דארפֿין קומין . ומלבֿד זה נאך
זוא פֿיל קנס לצדקה מוזן בצאלין אלז קהל יצ״ו גוט ווערין פֿינדן .
ובכל קנסותֿ הנזכרים באם העובֿר איין משכון כפי ערך הקנס
אין ליגן זעלט אצל הפרנס החודש זאל דער זעלביגר יוא בביתֿ
הכנסתֿ מעגין בלייבן :

**כד דש**

אלי חבֿרותֿ שבתוך קהלתֿינו (דהיינו בויטן החבֿרותֿ
המפֿורסמותֿ כמו קברנים ותלמוד תורה וכיוצא
בהם דיא מקדם גיאפרוביהרט זיין) זולן גיהאלטן
זיין אום מהיום תוך ששה חדשים אצל הפרנסים וגבאי צדקה יצ״ו צו
קומן אום מהם גאפרוביהרט צו ווערין אונ׳ אירי תקנותֿ צו לאזין
קונפערמיהרן וועו קהל יצו כהוגן בפֿינדן . וכֿן אלי חבֿרותֿ דיא
מחדש מיוסד ווערין גם כן אצל קהל יצ״ו אירי הסכמה אונ׳ אפרובאציא
מוזין פֿאדרין בזמן ששה חדשים לאחר שנתֿיסדו . אונ׳ וועלכֿי חבֿרה
דיא זולכֿיש ניט טון זעלטין זאלין בטל ומבֿוטל זיין . ומהיום והלאה

זאל אין קיין חבֿרה קיין גבאי רבי או שמש אן גישטעלט ווערין אם לא
שיהיה יחיד ובעל ביתֿ בקהלתֿינו . והאנשים שיעבֿרו על זה זאלין
מוזין קנט לצדקה געבין מכיסם עשרה זהובֿים אונ׳ דאך ווידר איין
בעל ביתֿ מוזן אן שטעלין . אכֿן ווען רובֿ החבֿרה אורחים זיין

ב ב 2 2
יהיה

[18 – 6v]

תקנות הקהילה

יהיה להם הרשותֿ אום איין גבאי אורח בוחר צו זיין דאך רבי או שמש
מוז דווקא בעל ביתֿ זיין :

**כה הפרנסים**

וגבאי צדקה זאלן פעמים בשנה דהיינו
בחודש מרחשון ואייר הקצבֿה צעטיל
רעגוליהירן לפֿי מעמד הצדקה אונ׳
נאך צו זעהן אויב אייניגי לייטן אויף דען צעטיל ביפֿונדן ווערין דיא
הצדקה ניט מער ניטיג האבן . או אויז גישטארבן זיין פֿון דען צעטיל
אב צו לאזין . כהאי גוונא אויב אייניגי הויז הלטונגין פֿר מערדירט
אודר פֿר מינדרט ווערין זיא מוסיף או גורע זיין לפי הערך .
ומהיום והלאה יהיה לחוק ולא יעבֿור דז קיינר זאל קענין גשטעלט
ווערין אויף קצבֿה צעטיל אום פֿאשטי צדקה צו גניסן אם לא ער
מוזט ששה שנים נשוי זיין . אונ׳ זוא לנג אך בעל ביתֿ בקהלתֿיו
גוועזין ומכל שכן קיין אורח לגמרי ניט . דאך ווען איש נכֿבד
ווער זאלין הפרנסים על פי רוב הדעותֿ אים אויף איין אפארטא
אורחים צעטיל מעגין שטעלין . וועלכֿי גמעלטי אפארטא אורחים
צעטיל גם כן בכל שנה נאך גזעהן אונ׳ גרעגוליהרט זאל ווערין .
גם זאל בכל שנה בחודש מרחשון דעם טורף צעטיל עקסימאניהרט
ווערדין אונ׳ באופֿן הנ״ל גרעגוליהרט ווערין :

**כו דש**

דער זעלביגר דער צדקה או ביקור חולים מצות
על פסח או זונשט אייגגי אונטר האלט וסיוע
מקהל יצ״ו גינאסין . צו קיין התמנות בקהלתינו
דארף קומין . אם לא ער כל סך המעותֿ וואש מקהל יצ״ו בכלל
האט גנאסין אב גצאלט האבין ווערט ולא באופֿן אחר :

**כז בליל**
הושענא רבה זאלין הפרנסים וגבאי צדקה
על פי רובֿ הדעותֿ בוחר זיין שני אנשים
הגונים לנאמני הקהילה ועל ידם זאלין אלי
מקומות בביתֿ הכנסתֿ גטראנספורטירט ווערין אונ׳ גמעלטי
נאמנים זעלין האבין דאש פרטיקאל וואו אין אלי המקומותֿ שבביתֿ
הכנסתֿ שטין הן שבעזרת אנשים כמו כן שבעזרת נשים וועליך

פרטיקאל

[19 – 7r]

תקנות הקהילה ז

פרטיקאל בלייבט בחדר הקהל אין איין שענקלכֿי כנהוג . וואו
פֿון איין שליסל תחת ידי הנאמנים זאל זיין . אונ׳ אלי
טראנספורטין אודר איבר שרייבן מוז על ידי שניהם גשעהן דש
זיא ביחד דא בייא זיין . וגם מוזין זייא דען איבר שרייבונג
אודר טראנספורט אונטר צייכנן אין דען פרטיקאל . ובאם יפקד
אחד משני הנאמנים דאש ניט קומן קענט מחמתֿ איזה טעם
שיהיה זאל באותו פעם אחד מן הפרנסים ממולא מקומו זיין .
והנאמנים הנ״ל זאלין קיין מקום בביתֿ הכנסתֿ מעגין איבר שרייבן
אם לא מן הפרנס החודש שריפֿטלכֿי אורדר דא צו האבין :

גם זיין פרנסים בוחר בלילה הנזכר שני גובֿים שיהיו אלטי
פרנסים או גבאי צדקה . והגובים הנ״ל זאלין תחת ידיהם הבין
דש רעשט בוך . ובאם איינר בקהלתינו קומט חתונה או ברית
מילה וכיוצא בזה צו מאכֿין וכן נחיה ולא נמות איינר קעם צו
שטערבין אודר איינר איין חיובֿ באיזה בֿית הכנסתֿ זעלט זיין זוא
מוזין הגובים על ידי אחד מן השמשים פֿון זעלבגין זיין חובֿ אב
פֿאדרן . אונ׳ דער זעלבגר מחויב צו צאלין החובֿ הן כולו או
מקצתֿו כפֿי ראות עיניהם של הגובים . אבל ווען ער ווייגרט
צו צאלין זאל אים כלל ניקש צו גלאזין ווערין . גם ישגיחו הגובֿים
הנ״ל על כל הבתי כנסיותֿ והבניינים השייכֿים להם ולהקהל יצ״ו
אום אלי רעפאראציאן צו לאזין טון כפֿי הצורך . דאך בפעם
אחד ניט מער הוצאות צו טון אלש סך מאה זהובֿים .
ואם יראה להם דאש יותֿר בפעם אחד ניטיג ווער זאל
זעלכֿש בהסכמת הפרנסים וגבאי צדקה מוזין גשעהן :

וכֿן בלילה ההוא ווערין נבֿחר מן הפרנסים וגבאי צדקה שני
אנשים יודעי ספֿר לגבאים של לומדי תורה דיא השגחה פרטיתֿ
זאלין האבין על הרבנים והתלמידים של לומדי תורה . אך זיין
גבאים הנ״ל גובֿה כל מה שמנדרין לצדקה לומדי תורה :

באותו זמן זיין בוחר שני גבאים פֿר שלשה צדקותֿ ביקור
חולים . בנין ביתֿ הכנסתֿ . תיקון ביתֿ חיים . ווערכֿי גבאים
ביחד גובֿה זיין אליס וואש מן מנדר איז לג׳ צדקותֿ הנזכרים . גם
מקומותֿ שבביתֿ הכנסתֿ הגדולה השייכים לקהל יצ״ו צו פֿר הייארין
לטובת הצדקה ולקבל המעותֿ השכֿירותֿ . גם זאלין דיא זעלבגי צייט בוחר

זיין

[20 – 7v]

תקנות הקהילה

זיין שני גבאים של ארץ ישראל בביתֿ הכנסתֿ הגדולה . ווערכֿי
גובֿה זיין מה שמנדרין לארץ ישראל . אך בתעניתֿ אשתר במנחה
גובֿה צו זיין מחדר הקהל מחציתֿ השקל מן בני קהלתינו :

בעת ההיא זיין פרנסים וגבאי צדקה יצ״ו
בוחר שני גבאים של צדקה לשארי בתי כנסיותֿ דיא גובֿה זיין
כל שינדר וינדב לצדקות באותו ביתֿ הכנסתֿ . גם שכירות
המקומות של ביתֿ הכנסתֿ ההוא זיין דר פֿאר מקבל המעותֿ .
חוץ מה שמנדרין שם לענייי ארץ ישראל דא ווערט לכל ביתֿ
הכנסתֿ איין בזונדר גבאי דא צו נבֿחר באותו לילה .
הגבאי צדקה הנזכרים אידרן אין זיין ביתֿ הכנסתֿ זאל רעגיהרן
שני הגבאים כל ענייני וצורכי הביתֿ הכנסתֿ דהיינו וועןן קיין
פרנס שם זיך בפינדט . אונ׳ קיינר זאל גרייכין קענין
לגבאות צדקה של הבתי כנסיותֿ הנ״ל אם לא ער איין מקום
בביתֿ הכנסתֿ הגדולה על פאליע שלו שטין האט . חוץ דאש
צדקה גבאותֿ פֿון דאש קליין שילכֿי . וכל הגבאים הנ״ל
דיא ווייגרין מעכֿטין הגבאותֿ אן צו נעמין אודר איר צייט ניט
פֿולקומליך אויז דינן וואלין זאלין פֿר פֿאלין זיין בקנס חמשה
ועשרים זהובים לצדקה אונ׳ זאל אחר במקומם
נבֿחר ווערין :

**כח דאש**
תמיד זעלין בקהלתינו זיין מוזין ד׳ אנשים
הגונים ובטוחים פֿאר האל גבאים ובכל

שנה זאלין דיא צוויא ערשטי משנה
שעברה מוזין אב גין פֿון איר בדינוג . ובליל הושענא רבה
שנים במקומם נבֿחר מו הפרנסים וגבאי צדקה יצ"ו כדי כל
אחד מהם שני שנים רצופֿים האל גבאי בלייבט . גמעלטי
האל גבאים ישגיחו על השוחטים האקירש ושארי משרתֿים פֿון
דיא האל . האל גבאים הנזכרים ומחוייבים אום אויף צו
געבן בכל שבוע ושבוע הרווחים פֿון דיא האל משבוע העבֿור .
אונ' אירן קומפלעטן חשבון צדק בכל שנה קודם פסח . אונ'
קיינר בעל ביתֿ בקהלתֿינו נבֿחר קענין ווערין להאל גבאי אם לא
שיהיה בן ששה ושלשים שנים אונ' מוז אך איין אייגני שטאט

בביתֿ

[21 – 8r]

תקנות הקהילה ח

בבֿיתֿ הכנסתֿ הגדולה האבין אויף אירן פֿאליע . ובאם איינר
זיין האל גבאותֿ ניט ווערט אן נעמין אודר תוך זמנו זעלביגש
אויף גיבט ישלם קנס לצדקה חמשה ושבֿעים זהובֿים
והפרנסים אחר במקומו בוחר זיין :

**כט כל**
אחד מיחידי או תושבֿי קהלתֿינו וכֿן אורח דער
על ידי אחד מן השמשים שלשה פעמים על קהל
שטוב גירופֿן ווערט אצל פרנסים צו קומן אונ' ניט
אצל קהל ארשיינן זעלט זאל פֿאר פֿאלין זיין בקנס עשרה זהובֿים
לצדקה בלי פתֿחון פה :

**ל דאש**
דער קיין יחיד בקהלתֿינו איז קיין מצוה בביתֿ
הכנסתֿ הגדולה זאל דארפֿין קאפֿן . גם ניט
עולה לתורה זיין שם הן בחול הן בשבתֿ ויום טובֿ
דאך אורח דער באקראי לכאן קומט ניט קובֿע דירה ווער דארף יוא
עולה לתורה זיין אפֿילו בשבתֿ ויום טובֿ . דאך ניט בראש השנה
ויום כפור שבתֿ תשובֿה והושענא רבא . דאך שארי מצותֿ מעג
ער יוא האבן אפֿילו בימים הנוראים . ובשאר בתי כנסיותֿ מעגין אלי
אורחים ותושבֿים מצותֿ קאפֿין גם שם עולה לתורה זיין חוץ ביום טובֿ
ובימים הנוראים . אבֿל סגן דארף קיין אורח או תושבֿ אין קיין
ביתֿ הכנסתֿ האבן . ובאם איין בעל ביתֿ ואורח גלייכֿי חיובֿים .

ווערין איז תמיד דער בעל בית דוחה אן דען אורח או תושב הן
לעלות לתורה אודר לענין שארי דברים :

**לא הקרובים**
פסולים להיות ביחד פרנסים וגבאים
או שאר התמנות דהיינו דארפין ניט
איניגי גלייכי התמנות בדינן ואפילו
שני בשני בחד בעל גם כן פסול . אבל בתרי בעל איז מותר . גם
מחותנים כגון אבי הבעל ואבי האשה דארפין ניט ביחד הפרנסות
וגבאות אונ׳ גלייכי התמנות בדינן . אבל שאר מחותנים
דארפין וואול ביחד פרנסים וגבאים ושארי גלייכי התמנות וואהר
נעמין :

לב הגאון

[22 – 8v]

תקנות הקהילה

**לב הגאון**
אב״ד דקהילתינו נר״ו זאל השגחה פרטות
האבין על כל המלמדים ותלמידיהם
שבקהלתינו יצ״ו ובפרט אויף המלמדים
והתלמידים של לומדי תורה אום דאש זיא ניט מלאכת ה׳ רמיה
זאלין טוהן . ולכן אב״ד נר״ו או בפקודתו אחד מהדיינים מוזין
התלמידים הנ״ל פאר הערין אויב אין איר לימוד בקי זיין אונ׳
רעכט פאר שטיהן . וכהאי גוונא זאל קיין מלמד ורבי
בקהלתינו דארפין תלמידים אן נעמין אם לא הגאון אב״ד מתחילה
תוהה אקנקנו האט גיוועזין אם הוא ראוי לכך . גם אלי
מלמדים בקהלתינו דיא כאן זיין גיוועזין זמן שלשה שנים בלי
נשותיהם . זיין מחויב לחזור לביתם ולאהליהם . אונ׳ קיין
בעל בית תושב או אורח זאל דען זעלביגן מלמד דער לענגר
בלייבט קיין סיוע דארפין טאן ולגמרי ניט מהנה מעגין זיין כל
שכן וקל וחומר קיין קינדר אצלו צו לאזין לערנן בקנס לצדקה
חמשים זהובים :

**לג דש**
אלי בעלי בתים קינדר ווען למזל טוב חתונה
מאכן ווערין אן גינומן פר בעלי בתים ויחידים
בקהלתינו וכן אורחים דיא בעלי בתים טעכטר

נעמין לנשים ווערין דורך זיא בעלי בתים . אכֿן דיא גימעלטי
בעלי בתים קינדר מחויבֿים תוך ארבעה חדשים אחר זמן
חתֿונתֿם אצל קהל צו קומן ובחדר הקהל זיך בפנקס יחידי
קהילה אין צייכֿנן אונ׳ צאלין איר הקדמה געלט דהיינו בני בעלי
בתים צאלין שלשה ר״ט לצדקה . ואורחים דיא בעלי בתים
טעכֿטר נעמין מוזין צאלין פֿאר הקדמה געלט ששה ר״ט
דאך ווען אונטר אלף זהובֿים לנדן ביקומן צאלין גם כן נאר שלשה
ר״ט . ואורח שהוא אלמון דער בעל ביתֿ טאכֿטר לאשה נעמט
אונ׳ העט בנים מאשתו הראשונה זוא האבן גמעלטי פֿאר קינדר
קיין חזקתֿ הקהילה . אם לא ער פֿאר זיא אפארטא ביצאלט
כאשר יוכֿשר בעיני הפרנסים וגבאי צדקה על פי רובֿ הדעותֿ
כמה דער פֿאר זאל ביצאלן . וכֿן להפֿך ווען יחיד ובעל ביתֿ
דקהלתֿינו איין אלמנה עם בנים נעמט דיא צו פֿאר קיין חזקתֿ

הקהילה

[23 – 9r]

תקנות הקהילה ט

הקהילה גיהאט האט זיין דיא בני האלמנה ניט אין קהל אודר
מוזט פֿאר זיא אפארטא ביצאלין באופֿן הנ״ל :

**לד דאשֿ**

אלי גימעלטי דיא תוך ארבעה חדשים לאחר
הנשואין שלהם ניט קומין אצל קהל יצ״ו
אום זיך בפנקס הנ״ל אין צו שרייבן .
זאל ער מוזין צאלין ווען לאחר זמן הנ״ל קומט סך עשרה ר״ט
מלבֿד זיין הקדמה מעותֿ הקצובֿה למעלה . באם אבר גיווארט
העט עד כלותֿ שנה תמימה אבֿד זכֿותֿו אונ׳ מוז מאה ר״ט געבין
פֿאר זיין חזקתֿ הקהילה צו קריגן . ובאם חוץ למדינה חתֿונה
מאכֿין זעלטין . האבין צייט אום זיך אין צו קאפֿין עד ששה
חדשים אחר החתֿונה . והעובֿר על זמן זה ישלם גם כן עשרה
ר״ט לצדקה מלבֿד זיין הקדמה מעותֿ הקצובֿה למעלה . ובאם
עד אחר שנה תמימה העט גיווארט גם כן זיין חזקתֿ הקהילה
פֿאר לארין אם לא מאה ר״ט צאלט . והרשותֿ נתֿונה לכֿל
הנזכרים אום על ידי שליח ובאי כחם צו לאזין בפֿקודתֿם
בפנקס הקהל אין צייכֿנן אונ׳ הקדמה מעותֿ כפֿי ערך הנ״ל
לאזין צאלין :

**לה דאש**

אורח הגון על פי רובֿ הדעותֿ של
הפרנסים וגבאי צדקה פֿאר יחיד בקהלתֿינו
מעג אן גינומן ווערין . דאך זוא פֿיל
לצדקה בשבֿיל זה מוזין צאלין כפֿי הערך אז קהל יצ״ו ווערין
גוט בפֿינדן . על כל פנים לא פחותֿ ממאה ר״ט . ולכֿל
הפחותֿ התשלומין וועל ניט בפעם אחתֿ צאלין קען גישעהן
מוז איין שלשה טערמינין אודר חלקים . דהיינו חמישים ר״ט
תכף ומיד . והמותֿר תוך זמן שני שנים רצופֿים שהוא בכֿל
שנה סך חמשה ועשרים ר״ט . אונ׳ זאל פֿאר קיין בעל
ביתֿ ויחיד גירעכֿנט ווערין ביז ער זיין תשלומין קומפלעט אב
גיצאלט ווערט האבין . גם וועו ער על זמן הקצובֿ זיין
טערמיינן או חלק ניט זעלט צאלין זוא זאל המעותֿ וואש געבן
האט פֿאר פֿאלין לצדקה זיין . אונ׳ דאך פֿאר קיין בעל ביתֿ

ג א 1 3
גירעכֿנט

[24 – 9v]

תקנות הקהילה

גירעכֿנט ווערין . ובאם שיש לאורח זה בנים כבֿר .
הברירה ביד הפרנסים וגבאי צדקה יצ״ו אויב הבנים שלו גם
כן חזקתֿ הקהילה זאלן האבין . או דאש ער פֿאר בניו
אפארטא זאל צאלין כפֿי ראותֿ עיניהם של הפרנסים וגבאי
צדקה . אמנם דיא אויז גיגעבני קינדר מן האורח זאלין כלל ועיקר
ניט נכֿלל בזה דארפֿין ווערין רק זיין נדון כאורחים לכֿל דבֿר :

גם דאש אלי בני בעלי בתים וכל שכן אורחים
דאש קלא בישא ושם רע עליהם איז יהיה מה שיהיה הן על
החתֿן כמו על הכלה זוא דארפֿין פרנסים וגבאי צדקה זעלביגי
ניט פֿאר בעלי בתים ויחידים אדמיטיהרן . דאך באם
הפרנסים וגבאי צדקה העטין וועלין חוקר ודורש היטבֿ זיין
ואחר החקירה דאש זעלביגי אנדרשט ביפֿונדן זוא מעגין
דיא זעלביגי על פי רובֿ הדעותֿ וואול פֿאר יחיד אין
נעמין :

**לו איין**

בעל ביתֿ דער עוקר דירה מכאן איז אונ׳

ווּיל חזקתּ הקהילה אונטר האלטין מוז זיך
ערשט אצל הגובּה לאזין אין שרייבן בפנקס
המיוחד לכך ובּכֿל שנה לסיועתּ קהלתּינו מוזין צאלין שני

ר״ט . דאך אם ידוע דאש ער קטן הערך ווער
ונכֿסיו מועטין זוא פֿיל ווינגר לסיועתּ הקהלה בכל
שנה געבן כפֿי שיראה בעיני הפרנסים וגבאי צדקה
יצ״ו ועל פי רובּ הדעותּ . ולעולם ניט ווינגר אלש
א׳ ר״ט בכל שנה . ובאם איינר זיין עוקר דירה מעותּ משך
זמן חמשה שנים רצופֿים  ניט אב גצאלט העט אבּד
זכֿותו . ואף על פי כן זיין חובּ מוזין אב צאלין :

ומהיום והלאה זאלין הגובּים אן אלי יחידם הדרים
חוץ לקהלתּינו שריפֿטליך התּראה לאזין טאן איר עוקר
דירה מעותּ צו צאלין כנ״ל :

**לז דאש**
אב״ד וחזן של ביתּ הכנסתּ הגדולה
ווען שון קודם לכן אורחים ווערין

גוועזין

[25 – 10r]

תקנות הקהילה

**י**
גוועזין כל זמן שאומנתם בעבודתּ הצבור חזקתּ הקהילה
כמו שארי בעלי בתים זעלין האבין . ואף גם בניהם
הנולדים להם בתּוך זמן שירותּם האבין גם כן חזקתּ
הקהילה אונ׳ בהלטן אפילו בעת דאש אבֿיהם שוין חוץ לשירותּ
הקהל ווער בתנאי דאש דען פֿר בניהם הנ״ל נושא בעול הקהילה
מוזין זיין אונ׳ צאלין כשאר בני יחידי קהלתּינו יצ״ו
אבֿל בניהם שנולדו להם קודם שנכֿנסו לעבֿודתּ הצבור
וכן בנים שיולדו להם לאחר שיצאו משירותּ הקהל זיין
לגמרי קיין בעלי בתים ויחידים בקהלתּינו :

**לח איין**
בעל ביתּ דער איין טאכֿטר אויש גיבט
וסיוע לכך ניטיג העט זאל אים מקופה
של צדקה געבין ווערין סך שלשה ר״ט :

דאך באם שהוא איש נכֿבד . תלמיד חכֿם . או
מגזע ישרים . הרשותֿ ביד הפרנסים וגבאי צדקה
יצ״ו כפֿי ראותֿ עיניהם אום מוסיף צו זיין על סך הנ״ל
ועל פי רובֿ הדעותֿ . אכֿן באם דער זעלביגר בעל
ביתֿ איין שידוך שלא כהוגן עם בתו טוט או דאש
בתו אינה הגונה ווער ושנואה במעשיה זיין הפרנסים
ניקש מחויבֿ אים צו געבין מקופתֿ הצדקה :

**לט דאש**

קיינם גפערמיטיהרט איז אום איינגי
בנייני ביתֿ הכנסתֿ משנה צו זיין
(חוץ מהנבֿחרים לכך) אפֿילו קיין
ברעט או שטענדר צו פֿאר ענדרין אודר מוסיף או
גורע צו זיין . והעובֿר על זה ישלם קנס לצדקה
עשרה ר״ט . אונ׳ הבנין ווידר כבֿראשונה על הוצאתֿ
מוזין ערשטעלין . גם קיינר זיך דער וועגן איינגי
שריפֿטין יהיה מה שיהיה אן ביתֿ הכנסתֿ צו מעגין אן
פלאקין . כי אם בידיעתֿ ורצון הפרנס החודש יצ״ו
וועלכֿר דען לשמש של אותֿו בביתֿ הכנסתֿ אורדר דא צו
געבן ווערט . והעובר על זה ישלם קנס לצדקה א׳ ר״ט :

ג ב 2 3
מ דאש

[26 – 10v]

תקנות הקהילה

**מ דאש**

שארי הגבאים של כל בתי כנסיותֿ מחויבֿ
זיין איין אידרן זעלבשטין אין צו ליגן
מה שמנדרים . להצדקה וואו פֿון ער
הגבאי איז אונ׳ דאש זעלביגי צו אנטפֿנגן . אך כל אחד
מהם זיין חשבון צדק מוזין געבין אן הפרנסים וגבאי
צדקה יצ״ו בכל שנה על כל פנים קודם חנוכה ובצדק
בפֿינדין ווערין זעלין הפרנסים וגבאי צדקה יצ״ו זעלכֿש
אונטר צייכֿנן בתוך פנקס של אותו הגבאי :

**מא דאש**

בפורים דארף מן ניט מער משלוח

מנות שיקן בוטין הקרובים הפסולים
לעדות אלש אן דרייא פרשונין . גם דאש מהיום
והלאה לחק ולא יעבור קיין פֿורטיל זאל גגעבין ווערין הן אצל
סנדק הן אצל מאן פֿיהרן כמו אצל חתן תורה ובראשית . זוא וואל
בייא אנשים כמו בייא נשים . ומכל שכן אן קיינם קיין
פֿורטיל צו שיקן כדי אום חס צו זיין על ממון של
ישראל דיא בהבלים הללו לאבוד גין . ומשום טעם
זה זאל גם כן אן קיין אורח שבא לכאן דארפֿין שענקין
והעובר על אחד מהדברים הנזכרים ישלם קנס לצדקה
עשרה ר״ט . חוץ להגאון אב״ד בביאתו לכאן מעג מן
אים וואול שענקין . וכן איין יחיד דער איין בית לחלוטין
גיקאפֿט האט ומחנך איז מעג מן וואול שענקין :

**מב דאש**
מטעם הנזכר לחוס על ממונן של ישראל
מהיום והלאה לחוק ולא יעבור זאל זיין .
דאש ווען איין חתונה בקהילתינו גימאכט
ווערט זאלין השני צדדים ביחד לא יותר מעגין בררייאן אלש
ארבעים בני בית . דהיינו אויז אידרר בית רק איש ואשה
בן ובת (גם חתן וכלה ווען שם בבית זיין) . ובן הדר אצל
אביו וסמוך על שולחנו וכן להיפוך אב אצל בנו וסמוך על
שולחנו זיין נחשב כבית אחד . באם אבר ניט אוכלים על
שלחן אחד זיין נחשבים כשני בתים . ואב ואם אחים ואחיות

בנים

[27 – 11r]



בנים ובנות של שני בעלי הסעודה זיין גם כן נכלל במספר
ארבעים הנ״ל . דאך מהם מעגין כל בני ביתם בררייאן .
אמנם זיין חוץ למספר ארבעים . ומותר צו בררייאן אב״ד
קהילתינו חזנים שמשים ספֿרדים . אורחים שבאו באקראי לכאן
או אותן שאינם מבני קהלתינו וכן מלמדים בלי נשותיהם
ולענין סעודת ברית מילה זאל גם כן הבעל סעודה לא יותר
דארפֿין בררייאן אלש עשרים בני בית ומכל בני בית נור
איש ואשה . במספר הנ״ל זאל גם כן גירעכנט ווערין
סנדק והמוהל אונ׳ גם כן גירעגוליהרט זיין כמו שנזכר למעלה
אצל חתונה . דאך חתונה או ברית מילה מן החברות

שנתּיסדו לכך גימאכֿט ווערין זעלין זיך רעגוליהרן כפּי תקנותּ
החבֿרה שלהם . אונ׳ לענין סעודתּ סבֿלונותּ זאל כלל
ועיקר אין קיין חתֿונה בביתּ המיוחד לכך דארפֿין גימאכֿט ווערין הן
מן חתונותּ של היחידים כמו מן החבֿרותּ רק בביתּ של אחד
מבעלי הסעודה איז מותר סבֿלונותּ צו מאכֿין . אונ׳ דאש
בזה קיין פירצה גישעהן זאל זוא זאל דיא ברייא צעטיל הן
משל חתֿונה או של בריתּ מילה מן הבעלי סעודותּ ביד השמש
של אותּו ביתּ הכנסתּ וואו החתֿונה או בריתּ מילה אין זיין
ווערט איבר געבין ווערין . ווערכֿר שמש דיזן צעטיל אן
הפרנס החודש ווייזן ווערט . ובאם הפרנס החודש זעלכֿש כתיקון
פֿינדט . דש השמש דען דיא צעטיל אב ברייאט . וכדי
קיין ערמה דא אין מעג גישעהן ווערט פֿאר באטין דארך
קיינם בעולם באיזה אופֿן שיהיה צו מעגין לאזין ברייאן .
הן על ידי בעל סעודה בעצמו . או על ידי שליח בויטן
השמש הנזכר . והעובֿר על כל הנ״ל הן על כולו או עז
מקצתּו ישלם קנס לצדקה עשרים ר״ט . והשמש שיעבֿור על
הנז׳ יתן קנס לצדקה שני ר״ט . והשמש זאל האבין מן הבעלי
סעודה פֿאר אידרן צעטיל סך י״ב ב״ש לפחותּ :

**מג נחיה**

ולא נמותּ דאש אלי אונטר י״ג שנים אלט
דיא בקהלתּינו קעמין צו שטארבן יהיה מי
שיהיה מוזין נקבֿר ווערין על בֿית חיים של

זעבורג

[28 – 11v]

תקנות הקהילה

זעבורג וויא אך בעלי בתים דיא פֿאשטי קצבֿה בחייהם גנאסין
האבין זאלן במותּם מוזיי נקבֿר ווערין על ביתּ הקבֿרותּ מזעבורג
וכן הנשים והבנים שלהם . וכן דיא זעלבגי דיא אירי מתּים
על ההוצאותּ של הצדקה לאזין לקבֿורה ברענגין אף על פי קיין
קצבה בחייהם גנאסין דאך בזעבורג נקבר ווערין . דאך וועז
יורשי או קרובֿי המתּ וועלטן בצאלן סכֿום המעותּ וואש הנפֿטר
בחייו מהצדקה האט גנאסן מעגין המת יוא על ביתּ הקבֿרותּ של
מואיר בערג לקבורה ברענגין על הוצאותּ שלהם . רק טורף
או מצותּ על פסח ושארי עקסטרא סיועותּ דיא הנפֿטר בחייו
גנאסין האט איז ניט בכלל זה אונ׳ וואל על מואיר בערג נקבֿר

ווערין . אמנם איין תלמיד חכם מורנו שהוא בעל בית אונ׳
אלטר פרנס וגבאי צדקה שירד מנכסיו דיא קצבה מעכֿטין גנאסין
האבין בחייהם רשאים הפרנסים וגבאי צדקה יצ״ו אום אים על
בית הקברות מויאר בערג צו ברעגין . כיוצא בזה ווען איין
אב״ד מקהילה אחרת חס ושלום בכאן נפטר ווערט מעגין אים
גם כן על מואיר בערג קובר זיין . דהיינו ווען קרוביו או
אהוביו קרקע מעות צאלין כפי ראות עיני הפרנסים וגבאי צדקה
יצ״ו . גם ווען איין אורח עובר ושב חשוב ועשיר חס
ושלום נפטר ווערט בקהלתינו גם כן מעגין נקבר ווערין בבית
הקברות של מואיר בערג ווען בשבילו קרקע מעות גצאלט
ווערט . אבל דאך לא פחות אלש מאה ר״ט . ומבלעדי
הנזכרים זאלין ווייטר אלי אורחים ותושבים הן שקבעו דירתם
בקהלתינו או שבאו לכאן אונ׳ קעמין צו שטערבין מוזין נקבר
ווערין על בית הקברות חדשה של זעבורג . אונ׳ אף
על פי כן דאך קרקע מעות בצאלט בשבילם ווערין כאשר יושת
עליהם הפרנסים וגבאי צדקה יצ״ו . ובאם איין אורח
או תושב מקופת הצדקה וואש גנאסין האט והניח אחריו איזה
עזבון זאל קודם הכל מעות הצדקה וואש ער גנאסין האט מוזין
בצאלט ווערין מהעזבון . גם אלי דיא נפטר ווערין ביום
ראשון של יום טוב או בליל שני דיום טוב או ביום שני היום
טוב שחל בערב שבת . וכן מי שנפטר בערב שבת וערב
יום טוב דאש באותו יום קיין שהות איז להוליכו על בית

הקברות

[29 – 12r]

תקנות הקהילה יב

הקברות של מואיר בעריג מוזין נקבר ווערין על בית הקברות
של זעבורג . אונ׳ אלי נפטרים ווערין נקבר בקבר
אשר ייחדים להם הפרנסים והגבאי צדקה כפי ראות
עיניהם :

**מד דאש**
אלי משרתי קהלתינו כגון דיינים שמשים
סופר דאקטורים בלבירערש אפטיקר בוך
הלטיר וכיוצא בהם זעלין אן גנומין ווערין
על פי רוב הדעות של פרנסים וגבאי צדקה . דאך
בדינטין פון דיא האל כמו שוחטים האקירש ושאר משרתיה

זעלין אן גשטעלט ווערין מן פרנסים וגבאי צדקה וגם די ארבעה
האל גבאים יצ״ו על פי רובֿ הדעותֿ של כולם . מהיום
והלאה זאל קיין בדינטן מקהל יצ״ו מכל הנזכרים אויף גנומן אודר
זיא מוזין זיין יחידים וששה שנים בעלי בתים בקהלתֿינו גוועזין
אודר בניהם של אלו בעלי בתים . ולאב״ד דקהלתֿינו וכן
לחזן של ביתֿ הכנסתֿ הגדולה מעגין אלי די לכך ראוי זיין ווערין
אויף גנומן ווען שון קיין בעלי בתים בקהלתֿינו זיין . והחזנים
ווערין גם כן מהפרנסים וגבאי צדקה יצ״ו אן גשטעלט ועל פי
רובֿ הדעותֿ . אכֿן אב״ד של קהלתֿינו זאל נבֿחר ווערין
באופֿן זה . שיתֿוועדו ויתֿאספֿו יחד ראשי עם אלי רעגירנדי
אונ׳ אלטי פרנסים וגבאי צדקה בחדר הקהל וועלכֿי דען מאכין
הצעטיל של הבחירה על פי רובֿ הדעותֿ פֿון דיא זעלבגי דיא זיך
בחדר הקהל פֿינדן . אויף גמעלטן צעטיל ווערין גשטעלט לא
פחותֿ משלשה ולא יותֿר מחמשה תלמידי חכֿמים המפֿורסמים הראוים
להיותֿ רבנים דקהלתֿינו . אחר כך ווערדן גרופֿין לחדר
הקהל אלי בעלי בתים דיא מן ארבעים פלעטין ולמעלה הלטין
וגם אלי תלמידי חכֿמים הנקראים בשם מורנו דיא יחידים זיין
ווען שון ניט על ארבעים פלעטין גטאקסיהרט זיין . אונ׳
אלי יחידים הנזכרים הבאים לחדר הקהל שרייבט אידרר מהם
זיין דעה על אחד מהתלמידי חכֿמים הכתֿובים על צעטיל פֿון
דען נומענאציא להיותֿ אב״ד דקהלתֿינו . אונ׳ זיין גשריבני
דעה בקלפֿי ארין ווארפֿין המוכֿן לכך . ואחרי ככֿלותֿ הכל

ווערט

[30 – 12v]

תקנות הקהילה

ווערט דיא גימעלטי גישלאסני קלפֿי במעמד אלי אלטי אונ׳
רעגירנדי פרנסים וגבאי צדקה יצ״ו בצירוף הדיינים דקהילתֿינו
גיעפֿנט . אונ׳ ווער ביפֿונדן ווערט רובֿ הדעותֿ צו האבין
הוא הקדוש דער למזל טובֿ נבֿחר זאל זיין לאב״ד ור״מ דקהלתֿנו .
ובאותֿו זמן זאלין אלי רעגירנדי אונ׳ אלטי פרנסים וגבאי צדקה
להאב״ד הנבֿחר איין זמן מוגבֿל כראוי שטעלין אום לכאן צו קומן
אום זיין רבנותֿ צו בדינן . ובאם האב״ד הנבֿחר הרבנותֿ
ניט וועלט אן נעמין או לזמן אשר גבֿלו לו ניט קעם זוא זאל
השני דער בזמן ועתֿ הבחירה הנ״ל הדעותֿ נאך אים האט

גהאט . במקומו נבֿחר זיין לאב״ד ור״מ . וכן השלישי
אונ׳ זוא פֿר פֿולגינש . ומטעם זה זאלין אלי הדעותֿ אין
גשריבן ווערין בשעתֿ הבחירה בפנקס הקהל כדי זיך דא נאך צו
קענין רעגוליהרן כנ״ל . שכֿירותֿ האב״ד ווערט גם כן על
רובֿ הדעותֿ של אלטי פרנסים וגבאי צדקה עם רעגירנדי
פרנסים וגבאי צדקה פֿאשט גשטעלט . ותמיד זאל
קהלתֿינו ניט לענגר זונדר בחירתֿ אב״ד ור״מ דארפֿין בלייבן אלש
זמן חצי שנה :

**מה באם**

קהל יצ״ו ווערין רעזלוויהרן איין ביתֿ המדרש
אויף צו ריכֿטן כראוי זאל שם בביתֿ המדרש
תמיד גלערנט ווערין לפחותֿ שני שעותֿ
קודם חצותֿ ושני שעותֿ אחר חצותֿ . והגאון אב״ד יהיה ריש
מתיבתא ולא זולתֿו . וסדר ואופֿן הלימוד יהיה כאשר
יוכשר בעיני הגאון אב״ד נר״ו . אמנם שארי ענײנים וצורכֿי
ביתֿ המדרש וכל הנהגותֿיה יהיה מה שיהיה זאל הכל ווערין
גרעגיהרט על ידי הפרנסים והגבאי צדקה יצ״ו . ובאם
אפֿשר איז זעלין עשרה לומדים פֿאשט אן גינומין שיהיו מיושבֿי
ביתֿ המדרש הנ״ל אונ׳ קיין אורח או תושבֿ זאל דארפין אן גנומין
ווערין למוד בביתֿ המדרש הנ״ל בשכר . ואורח דער זיך
חזקת הקהילה גקאפֿט העט על פי הסכמותֿ ורצון רובֿ הדעותֿ
מפרנסים וגבאי צדקה דארף ער דאך ניט מבני ביתֿ המדרש
הנזכר זיין ביז ער זיין מאה ר״ט או יותֿר וואו פֿאר ער מקהל

יצו

[31 – 13r]



יצ״ו איז אין גינומן וואהרן קומפלעט אב גיצאלט ווערט
האבין :

**מו להחזנים**

איז פֿאר באטין אום קיין יחיד הדר
בקהילתֿינו בשם חבֿר או מורינו לספֿר
תורה אויף צו רופֿן וועז דער זעלביגר
שוין החבֿר או מורינו מאב״ד דקהילה אחרתֿ העט אלא אם כן
דער יחיד דען חבֿר או מורינו מאב״ד דקהלתֿינו האט .

וכֿן דארף הסופֿר קיין יחיד בקהילתֿינו בשטרותֿ איין שרייבן בשם חבֿר או מורינו ווען זיא ניט העט מהגאון אב״ד דקהלתֿינו .
אכֿן ווען מוסמך ווער גיוועזן בשם חבֿר או מורינו מאב״ד דקהילה אחרתֿ זמן עשרה שנים קודם ער קובֿע דירה כאן האט גיוועזן זוא ווערט אים זולכֿש צו גילאזן . אונ׳ קיין פנוי זאל דארפֿין מכֿונה ווערין בשם חבֿר או מורינו עד לאחר שנכֿנס לחופה .
והגאון אב״ד זאל קיינם מסמיך בשם חבֿר או מורינו זיין כי אם בהסכמתֿ הפרנסים וגבאי צדקה יצ״ו ועל פי רובֿ הדעותֿ וחזן או סופֿר שיעבֿור על האמור למעלה ישלם בכֿל פעם שני ר״ט קנס לצדקה :

**מז החזנים**

זיין מחויבֿ קודם התֿחלתֿ זמן התפֿלה
בביתֿ הכנסתֿ צו זיין דהיינו כל אחד
מהם לזמנו המגיע לו להתֿפלל . ובשבתֿ
ויום טובֿ יתֿחילו להתֿפלל בביתֿ הכנסתֿ הגדולה מן אדון עולם
ואילך . ובשאר בתי כנסיותֿ מן ברוך שאמר . אונ׳ דיא
חזנים אירי בערטין (דהיינו חזני ביתֿ הכנסתֿ הגדולה) בשבתֿ
ויום טובֿ איז באופֿן זה . בראשונה יתֿפללו בביתֿ הכנסתֿ
הגדולה . ובשבתֿ שניה בביתֿ הכנסתֿ השניה . ובשבתֿ
שלישיתֿ לביתֿ הכנסתֿ החדשה . וככֿה חוזרין חלילה .
ובימותֿ החול בביתֿ הכנסתֿ הגדולה מחויבֿ כל חזן מהשלשה
חזנים להתֿפלל שני ימים לזמן המגיע לו כפֿי הסדר שביניהם
עד עתה . ויום טובֿ שחל באחד מימי החול יתֿפלל החזן
שהיה מגיע לו להתֿפלל באותֿו יום כשהוא חול בביתֿ הכנסתֿ

ד א 1 4
הגדולה

[32 – 13v]

תקנות הקהילה

הגדולה . והשני חזנים אחרים דביתֿ הכנסתֿ הגדולה יתֿפללו בהשני
בתי כנסיותֿ הנ״ל כפֿי הסדר ושלשה ימים קודם הרגל ואחריה
הרשותֿ ביד הפרנסים החזנים מוחל צו זיין . מלהתֿפלל לפֿני
התיבֿה . מוזין אבר אום רשותֿ פֿר זוכֿין . אונ׳ דיא בערטין זאלין
דאך קונטינוויהרן . ובשלשה ימים ראשונים של סליחותֿ אף
על פי שחל להיותֿ סמוך לראש השנה מוז אידר חזן בכֿל יום אחד
מן השלשה ימים דשליחותֿ הנ״ל מתֿפלל זיין כסדר . אבֿל

בשאר ימי הסליחות פטורים וויילן באותן הימים היחידים ובעלי
בתים אורין כנהוג . גם בערב ראש חדש רשות ביד
הפרנסים אום אחר צו לאזין תפלת יום כפור קטן מתפלל זיין
כנהוג . ובימים הנוראים יתפללו החזנים כאשר נהגו עד
הנה וכנזכר בפנקס הקהל :

**מח החזן**
שזמנו להתפלל באחד מימי החול בבית
הכנסת הגדולה אונ׳ פֿאר זוימט בשחרית
יתן קנס לצדקה חצי ר״ט ובמנחה א׳ זהוב .
וחזן שאחריו מוז במקומו מתפלל זיין . ובאם חזן השני גם
כן ניט בבית הכנסת ווער ישלם הקנס כהראשון וכן השלישי .
ובאם שהגיע זמנו להתפלל בערב שבת אונ׳ פֿאר זוימט זאל ער
גם כן חצי ר״ט לצדקה מוזין ביצאלין ובשבת שאחריו לגמרי ניט
דארפֿין מתפלל זיין . והחזן דר דא פֿאר זוימט בשבת באיזה בית
הכנסת שיהיה ישלם בעד כל תפלה דש ער פֿר זוימט ה׳ זהובים .
ובאם שאינו מתפלל במנחה בשבת בבית הכנסת הגדולה בזמן
המגיע לו ישלם חצי ר״ט ובמוצאי שבת בבית הכנסת הגדולה א׳
זהוב . וביום טוב בעד כל תפלה באיזה בבית הכנסת מהנ״ל
שיהיה סך חמשה זהובים . אבל במנחה דיום טוב פטורין . מוזין
אבר אום רשות פֿאר זוכין . ובימים הנוראים בעד כל
תפלה בכל בבית הכנסת חמשה ר״ט . ובהושענא רבא מי
שאינו מתפלל לזמן המגיע לו בבית הכנסת הגדולה עשרה זהובים .
ובפורים בכל השלשה בתי כנסיות הן ערבית או שחרית בכל
פעם חמשה זהובים . בחנוכה וכן בחול המועד בבית הכנסת
הגדולה חצי דיקטון . והגבאי צדקה זאל השגחה פרטית

האבין

[33 – 14r]

תקנות הקהילה יד

האבין הקנסות הנזכרים רעכט אין צו ליגן ומן השכירות של
החזנים זיא הקנס מנכה זיין . ואין ביד שום פרנס או גבאי
צדקה למחול להחזנים מהתפלות הנ״ל אם לא שיסכימו כל הפרנסים
וגבאי צדקה או דאש אונס מפורסם ווער שאינו בקו הבריאה חס
ושלום וכיוצא בזה אזי פטור מהקנס הנ״ל בתנאי שיהיה ידוע
שאין ערמה בדבר :

**מט החזן**
דארף ניט בבית הכנסת הגדולה אן היבן
להתפלל ביז להפרנס החודש גיפֿראגט אונ׳
רשות ביקומן . ובאם שאין הפרנס
החדש בבית הכנסת . להפרנס שלאחריו . וכֿן כולם עד הגבאי
צדקה . ובשאר בתי כנסיות מן הפרנס דער שם זיצט
ובאם אינו שם . מן אחד מהגבאים של צדקה שבאותו בית הכנסת .
גם איז מן מחזיק תיקון קדמונים ועל פי הדין דאש קיין חזן
דארף מנגן זיין בשבת ויום טוב קודם קריאת שמע הן בערבית
או בשחרית אם לא דאש חזנות כנודע . ואם יעבור החזן
ישלם קנס עשרה זהובים לצדקה בכֿל פעם :

גם מחויב כל חזן בבית הכנסת וואו שם באותו
שבת מתפלל וערט זיין אום אלי הספרי תורות עם סופר הקהל
מעביר צו זיין בערב שבת כדי קיין טעות זאל גיפֿונדן ווערין . וכֿן
בעי״ט . ובאם שיעבור החזן מחויב צו ביצאלן ג׳ זהובים קנס לצדקה
פֿר אידר טעות דאש באותו ספר תורה גיפֿונדן וערט . גם זאלין
החזנים מחויב זיין בימי הקיץ אום ביחד פסוקי דזמרה בבית
הכנסת הגדולה צו זאגין כנהוג דהיינו החזן שמתפלל עם החזן
שיתפלל אחריו . ומי שיעבור יתן קנס לצדקה א׳ זהוב :

בימי החול דארף קיין זינגר להחזן צו האלטין
כי אם בימים שיש בו הלל ובפורים . ומאחר שניתן
רשות להחזנים בשטר החזנות שלהם מקהל שבימים ההם דאש
בשבתות וימים טובים זאלין מעגין איין באם גיברויכֿן וועלכֿן
חזנות בריב הזמן אויז איז סוף שנת תצ״ט לפ״ק . בכֿן
זאל זעלכֿש בתקפֿו וואול פֿר זוא ווייט בלייבן משך זמן הנ״ל . אמנם
כתנאי דאז בשבתות וימים טובים קיין באם זאל דארפֿין פֿאר
פרנס החודש מסדר קדושין צו זיין תפלת

בעל

[34 – 14v]

תקנות הקהילה

תפלת שמונה עשרה לפני התיבה קומן כלל ועיקר . אבן
לאחר תשלם זמן הנ״ל זאל לגמרי קיין באס הן בשבת ויום טוב
וכל שכן בחול בשום אופֿן בעולם דארפֿין קיין חזן צו האלטין .
כדי לגדור גדר איז פֿאשט גישטעלט לחוק ולא יעבור דאש לאחר

זמן הנ״ל קיין פרנס או גבאי זאל דארפֿין איין חזן בעולם או
באיזה אופֿן שיהיה רשותֿ געבן אום מיט איין באס מתֿפלל צו זיין
אודר צו זינגן בשום ביתֿ הכנסתֿ . והפרנס או גבאי שיעבֿור
על זה מוזין בלי פתֿחון פה לצדקה ביצאלין קנס
סך מאה ר״ט :

**נ דאשׁ**

קיינר זאל מעגין הסכמה נעמין פֿון איין רב
אב״ד בעלם אויף תפֿלותֿ מחזורים וחומשים
סליחותֿ בענשין וכיוצא בזה באופֿן דאש דאריך
גימעלטי הסכמה נועל דלתֿ ליחידי קהלתֿינו זעלט זיין אום גימעלטי
זאכֿין הצריכֿים לכל צו מעגין דרוקן . רק הרשותֿ נתֿונה
לכֿל אשר נדבֿה לבו לזכותֿ הרבים מיט דיזי גימעלטי ספֿרים
והדומה להם אשר רבים וכֿן שלמים צריכֿים להם . ובאם
איינר דאך הסכמה משום אב״ד זעלט ביקומן האבין זאל אותֿה
הסכמה בטלה ומבֿוטלתֿ זיין . אמנם אלי גימעלטי ספֿרים
איינר איין פירוש חדש אשר לא היה לעולמים דער בייא דרוקט
זאל על זה וואול מעגין הסכמה נעמין מהגאון אב״ד דקהלתֿינו .
ותיקון הנ״ל נעשה בינינו ובין קהל קדוש ספֿרדים מימי קדם
ועלכֿש מן מחדש מחזיק איז . וכהאי גוונא זאלין אלי אלטי ספֿרים
מהיום הזה והלאה מעגין ווידראום גידרוקט ווערין מכל אשר ידבֿנו לבו
דהיינו נאך דעם אז גזירותֿ והסכמות הראשונים אויז זיין .
ומשם ולהבא זאל לגמרי קיין הסכמה אויף זעלביגי אלטי ספֿרים
ניקש גילטן בכאן . דאך איין ספֿר חדש אודר נייאן חיבור
דארף גאר ניט גידרוקט ווערין אם לא בהסכמתֿ הגאון אב״ד דקהלתֿינו
נר״ו ועלכֿש ספֿר הנ״ל דורך זעהן אונ׳ אונטר זוכֿין ווערט בעיון
היטבֿ ובהשגחה יתֿירה אם הגון וראוי איז להעלותֿו על הדפֿוס .
והגאון אב״ד דארף קיין הסכמה כלל געבן בלי ידיעתֿ ורצון
הפרנסים וגבאי צדקה יצ״ו . ומי שיעבֿור על הנ״ל הן על

כולו

[35 – 15r]

תקנות הקהילה טו

כולו או מקצתֿו ישלם קנס לצדקה סך עשרה ר״ט אונ׳ הסכמתֿו
בטלה ומבֿוטלתֿ :

**נא דאש**

אן קיין פֿרעמדר רבֿ בביתֿ הכנסתֿ צו גילאזן
זאל ווערין אום צו דרשנן אם לא איין אב״ד
מקהלה ממפֿורסמתֿ או ראש ישיבֿה ווער .
ואף על פי כן ניט אנדרשט אלש בשבתֿ במנחה אבל לא בשחריתֿ .
אכֿן משולחים דיא לכאן קומן בשבֿיל איזה גזירה או עלילה .
שעבֿר עליהם חס ושלום בקהילתֿם מעג בשבתֿ במנחה זיא וואול
צו גילאזין ווערין איין דרשה אף על פי ניט תופֿס ישיבֿה העטין
גיוועזן . איין פֿרעמדר רבֿ דער בקהלתֿינו קומט מחוייבֿ
הפרנס החודש להאכֿילו בתֿוך ביתֿו לפחותֿ זמן ארבעה עשר
יום על שלחנו . אודר אים בביתֿ איש נכֿבד על הוצאתֿו
צו בישטעדין על זמן הנ״ל . ובאם מער אלש רבֿ אחד אורח
באותֿו זמן לכאן קומט מחויבֿ הפרנס שאחריו להשני מאכֿיל ומשקה
בביתֿו צו זיין משך זמן הנזכר אונ׳ זוא פֿאר פֿולגינש :

**נב דאש**

אלי פליטה לייטן הן דיא סעסיא או אקורד
האבין גמאכֿט עם הבעלי חובֿותֿ ניט זאלין
דארפֿין עולה לתורה ושארי מצותֿ בביתֿ
הכנסתֿ האבין עד שישלמו להצדקה כפֿי ראותֿ עיני הפרנסים
וגבאי צדקה . וכפֿי הענין אין זיך האט וכמו שהיה התיקון
מקדם :

**נג דאש**

קיינר זאל דארפֿין מסדר קדושין צו זיין בלי
התרתֿ אב״ד דקהלתֿינו . וגם בידיעתֿ
הפרנס החדש יצ״ו . ובזמן שאין אב״ד
כאן זאל מוזין גישעהן ברשותֿ והורמנא של הפרנסים וגבאי צדקה
יצ״ו . גם זאלין נאמני קהלתֿינו תמיד אצל קדושין מוזין זיין .
וועו חוץ לעיר ווער זאל לפחותֿ מסולק מוזין זיין משכֿרם הקצובֿ
להם מזה . והאיש אשר יערבֿ לבו אום בלי התרה מהגאון
אב״ד דקהלתֿינו וידיעתֿ הפרנס החודש מסדר קדושין צו זיין הן

בעל

[36 – 15v]

תקנות הקהילה

בעל ביתֿ אורח או תושבֿ . זוא זאל מן דעם זעלביגר
מכֿריז ומפֿרסם ברבים זיין בכֿל בתי כנסיותֿ ולעשותֿ בו משפט
כתֿובֿ . ואם הוא בעל ביתֿ דער זאלכֿש מעשה האט גיטאן
אבֿד זכֿותֿו מחזקתֿ קהלתֿינו אונ׳ לגמרי קיין גינוס מהצדקה קענין
גניסן מכל שכן אורח עולמיתֿ צו קיין חזקתֿ הקהילה קענין
גרייכֿן . אונ׳ פשיטא ניקש מהצדקה צו גניסן . ובכֿלל
זה איז זוא וואול דיא זיך לאזין קדושין געבין . וגם דיא זיך
לאזן פֿאר עדים ברויכֿן אז המסדרי קדושין . גם שלא
יסודר קדושין קיגן דיא וועטין פֿון לאנד בשום אופֿן גם זאל מן
קיין קדושין דארפֿין געבן אלש נאך דעם דש לאנדש רעכֿט מן חתֿן
וכלה וערט פֿולטאן זיין . אונ׳ דאש בפֿני השררה יר״ה שוין
גיוועזן אונ׳ דען אין שרייבן פֿון גיבאדין גקונסענטירט זיין :

גם זאל הגאון אב״ר נר״ו והדיינים קיין עדותֿ דרפֿן
גובֿה זיין מענינים השייכֿים לדתֿ תורתֿינו או לעסקי קהלתֿינו
יהיה מה שיהיה כי אם בהסכמתֿ פרנס החדש . ואם
אותֿו הפרנס החדש נוגע בדבֿר זה יתן רשותֿ הפרנס שאחריו
אונ׳ זוא פֿאר פֿולגינש . גם דבֿרים דיא ניטיג האבין מינוי
דיינים כגון חליצה או כדומה לזה זאל הכל מוזין גישעהן על
ידי אורדר של הפרנסים וגבאי צדקה בצירוף הגאון אב״ד
דקהלתֿינו נר״ו :

**נד דאש**

קיינר בקהלתֿינו זאל דארפֿין אייניגי ספֿרים
ישנים או חדשים מחלק זיין בבתי יחידי
קהלתֿינו . באיזה אופֿן שיהיה אלא אם
כן צעטילכֿי מהסכמתֿ הפרנס החדש לזה העט .
וועלכֿר גם כן ניט בידו הכח האט אום זעלכֿש צו . צו לאזין .
כי אם בהסכמתֿ רובֿ הדעותֿ מהפרנסים וגבאי צדקה יצ״ו .
גם דארף קיינר מסבֿבֿ זיין על פתֿחי הנדיבֿים בקהלתֿינו אום
מלקט ממון צו זיין לסיוע לאיזה עני או אבֿיון בלי רשותֿ מקהל
יצ״ו בקנס שני ר״ט . וכהאי גוונא ניט בביתֿ הכנסתֿ אום
צו גין פֿאר ארמי הויז האלטונג הן אנשים הן נשים
והעובֿר על זה אונ׳ דאך אום גין זעלט . יהיה נדחה

מביתֿ

[37 – 16r]



מביתֿ הכנסתֿ זמן שלשה חדשים . ואם דל הוא קיין צדקה
קענין גניסן :

**נה ווער**

איין ספֿר תורה בביתֿ הכנסתֿ גיבט הן
בפרהטיא או בצנעא זאל באותֿו שבתֿ סגן
האבין וואו פֿאר ער זאל צאלין חמשה ר״ט
אונ׳ קען ששה אנשים אויף רופֿן כנהוג . דאך אם ירצה
להוסיף יותֿר עד ששה אנשים הרשותֿ בידו בתנאי שישלם פֿר
אידרן פרשוין שהוסיף סך חצי ר״ט . אונ׳ ווען שון סגן ניט
האבין וועלט איז דאך מחויבֿ לשלם סך הנ״ל . אונ׳ איינר
דער ביום טוב איין ספֿר תורה מעלֿט בביתֿ הכנסתֿ געבין
באופֿן הנ״ל יתן בעד סגן שמונה ר״ט אונ׳ דארף לגמרי קיינם
מוסיף זיין על החמשה הקרואים . ואם יהיה ביום טובֿ
שחל להיותֿ בשבתֿ לא יותר אלש ששה אנשים שאין מוסיפֿין
ביום טובֿ ואפֿילו חל בשבתֿ .
ובאם איינר מקדיש איז איין ספֿר תורה
לחלוטין אזוא האט ער באותֿו שבתֿ סגן בחנם . גם הוצאה
והכֿנסה . אונ׳ מוז גם כן בעד כל אחד שהוסיף על הששה
געבן סך חצי ר״ט . ובאם אייינר מקדיש ספֿר תורה ביום
טובֿ ווער זאל ער גם כן הוצאה והכֿנסה בחנם האבן אונ׳ מעג נור
ב׳ אנשים לפֿי רצונו אויף רופֿין לפֿי התיקון ולפֿי כבֿודו . ובאם
שינדבֿ או שהקדיש ספֿר תורה בראש השנה או ביום הכפורים זאל
לגמרי קיין מצוה בחנם קענין האבן רק ווערט אלש בביתֿ הכנסתֿ
פֿר קאפֿט . אונ׳ וועו איינר איין ספֿר תורה בביתֿ הכנסתֿ
גיבט באיזה אופֿן שיהיה זוא מוז ער זעלביגש על ראל
לאזין שרייבן בידיעתֿ הפרנס החודש ולהשמש דער פֿאר צאלין
א׳ זהובֿ :

**נו דער**

איין חיובֿ בשבתֿ איז מוז ער זיך לחיובֿ אן
זאגין ביום ה׳ שלפֿניו אצל השמש של אותו
ביתֿ הכנסתֿ וואו ער תמיד איין זיצט כדי
זולכֿש להגובֿה בייא צייטן קען מודיע זיין אום צו קענין נאך

זעהין

[38 – 16v]

תקנות הקהילה

זעהין אויב דער זעלביגר דבר מה חייבֿ לצדקה ווער . ובאם
חייב איז יחוייב אן דען גובֿה צו פֿול טאן כפֿי שיראה להגובה
רעכֿט צו זיין . וכֿן דער בחול איין חיובֿ איז זאל זיך ביום
שלפניו להשמש אן זאגין לחיובֿ כנ״ל . דאך מי שהוא
אנוס מפֿורסם דאש זיך ניט לזמנים הנזכרים אן זאגין קענט זאל
מעגין חיובֿ זיין . ובאם הוא איינגי רעשטאנטן חייבֿ ווער זאל
ער מוזין איין משכון משליש זיין להגובֿה כפֿי שיעלה סך החובֿ
קודם ער איין חיובֿ קען זיין . אונ׳ איין אידרר איז מחויבֿ
איין חיובֿ צו זיין באותֿו ביתֿ הכנסתֿ וואו ער תמיד אין זיצט .
וחתֿן וסנדק שטיט לקמן סימן ע״ה וע״ו וויא זיך פֿאר האלטין
מוזין . דאך פרנסים וגבאים דיא בבתי כנסיותֿ אחרים זיצן
אום איר פרנסותֿ או גבאותֿ וואר צו נעמין מעגין וואל חיובֿים
זיין בביתֿ הכנסתֿ וואו מקודם זה תמיד אין גזעסין זיין :

**נז דאש**

אלי ספֿרי תורותֿ הן השייכים להיחידים כמו
של קהל יצ״ו כסדר בכל שבתֿ אחד שבתֿ
גלייאנט ווערין . וכן בימים טובֿים כסדר
בזה אחר זה . אונ׳ וועם זיין בערט איז בשבתֿ לקרותֿ בספֿר
תורה שלו מעג דאש ספֿר מלביש לאזין זיין עם הכלי קודש שלו .
ובמתנתֿ יד איז איין חיובֿ אום הספֿר תורה של קהל יצ״ו פֿאר
דאז ערשטי ספֿר גלייאנט צו ווערין . וכן אלי פרוכֿתֿ זאלין
אויף גיהנגין ווערן נאך דיא בערטין שבתֿ אום שבתֿ וכן בימים
טובֿים . חוץ בימים הנוראים זאל דאש ווייִשי פרוכֿתֿ שנדר
לביתֿ הכנסתֿ הגדולה הקצין פ״ו רבי פייבלמן קליף שם אויף
גיהנגן ווערין כנזכר בספֿר הזכֿרונותֿ מקהל יצ״ו . וכן אם יהיה
בריתֿ מילה בשבתֿ או ביום טובֿ זאל מוזין אויף גיהונגן ווערין
הפרוכֿתֿ מיט זילברני אותֿיותֿ של הקצין פ״ו רבי ליב עמריך
ובאופֿן שנזכר בספֿר הזכרונותֿ הנ״ל :

**נח דאש**

אלי חיובֿים דיא עולה לתורה זיין וגם דיא
שמחותֿ מאכֿין כמו חתֿונה בריתֿ מילה או
בנו בר מצוה אונ׳ דיא זעלבגי האבין ספֿר

תורה

תורה עם כלי קודש או פרוכֿתֿ בביתֿ הכנסתֿ זוא ווערט באותֿו
שבתֿ גלייאנט הספֿר תורה . וגם הכלי קודש או הפרוכֿתֿ אויף גיהנגין .
ובאם שני חיובֿים או יותֿר באותֿו שבתֿ זיין דיא אלי ספֿרי
תורותֿ או פרוכֿתֿ האבין זאל הפרנס החודש ביניהם גורל ווארפֿין
על הספֿר תורה של מי מהם זאל גלייאנט ווערן . או פרכֿתֿ
של מי אויף גיהונגן זאל ווערין . ובאם כהנים או לוים גלייכי
חיובֿים ווערין שפילט הפרנס החודש וועגנש ספֿר תורה ביניהם
אונ׳ ווידר אום שפילין ווער עולה לתורה זיין זאל . אונ׳ הנדחה מהיותֿ
חיובֿ באותֿו שבתֿ הן דאש הגורל פֿר שפילט כמו ווען חבירו אים
דוחה מחיובֿ ווער . זאל ער הברירה האבין אום זיין ספֿר תורה

או פרוכֿתֿ בשבתֿ זו או שבתֿ שאחר זה וויל גברוכֿין לאזין .
דאך אם בשבתֿ שאחריו גם כן חיובֿים ווערין דיא ספֿר תורה
ופרוכֿתֿ האבין זיין דיא בזמנם חיובים זיין קודם דהוואיל דאדחי
אדחי . ובשבתֿ שיש בו שני ספֿרי תורותֿ או יותֿר אונ׳ ווערין
שנים או שלשה חיובֿים דיא ספֿר תורה האבין זאלין החיובֿים
כל אחד מהם איין ספֿר תורה אויש גהובין ווערין . ובאם יותֿר חיובֿים
אז ספֿרי תורותֿ זיין גם כן ווידר שפילן מי שידחה מהם :

**ב**

שטיף פֿאטיר זיין בני אשתו נחשבֿים לענין זה כבניו .
וגם מי שמגדל יתֿום בתֿוך ביתֿו אודר איין קינד מגדל איז
מנעוריו ווערט גם כן נחשב כבנו לענין הנ״ל . בן הדר אצל אבֿיו או
אבֿ הדר אצל בנו אונ׳ אחד מהם שמחה מאכֿט או חיובֿ איז מעג
הס״ת ופרוכֿתֿ של השני וואל באותֿו שבתֿ גברוכֿט ווערין :

**ג**

אחים או חבֿרים דיא איין ספֿר תורה או פרוכֿתֿ בחבֿרותֿה
האבין זוא ווען איינר מהם שמחה מאכֿט או חיובֿ איז ניט
דארפֿין קיינר משניהם זיך בדינן פֿון הספֿר תורה או הפרוכֿתֿ
בוטין דיא בערט . אם לא דש זעליביגש על שמו של אחד מהם אויף
דיא ראל שטיט אזו מעג דער זעלבגר אשר נקרא על שמו דאש
זעלביגי ברוכֿין לעתֿ שמחתֿו או ווען חיובֿ איז באופֿן הנ״ל :

**ד**

חתֿן תורה וחתֿן בראשיתֿ די איינגי ספֿר תורה ופרוכֿתֿ

האבן זיין אלי חיובֿים דוחה איר ספֿר תורה ופרוכֿתֿ גם דר
בחול חיובֿ איז או שמחה האט מעג כן זיין ספֿר תורה
לאזן לייאנן :

ה א 1 5
דאש

[40 – 17v]

תקנות הקהילה

**נט דאש**
קיינר קיין סגן דארף קאפֿין אם לא מוז
נשוי זיין ובעל ביתֿ בקהלתֿינו ולא זולתֿו .
והבעל ביתֿ דער סגן קאפֿט מוז ער זעלבשטן
שטין . והבעל סגן קען לא יותֿר אויף רופֿן בשבתֿ אלש ששה אנשים
כנהוג . אונ׳ ווײלן אב״ד נר״ו בכל שבתֿ איין חיובֿ איז לשלישי קען הבעל
סגן אחר במקומו אויף רופֿין לאחר שבֿיעי . וכֿן ווען כהן או לוי חיובֿים
ווערין . איז זיין מספר ממלא לאחר שבֿיעי . והבעל סגן זאל אידרן
מהקרואים לפֿי כבֿודו אויף רופֿין . כגון איין רעגירנדר פרנס מיד
לאחר אב״ד . ולמדן מורינו שהוא בן ארבעים שנה ומעלה איז קודם
איין אלטר פרנס . ולמטה מארבעים שנה גיט איין אלטר פרנס פֿאר .
איין אלטר פרנס וגבאי צדקה תמיד פֿר שבֿיעי . איין חבֿר פֿאר
שארי בעלי בתים ווען שון עלטר איז . דהיינו ווען החבֿר ארבעים
שנה אלט איז . זונשט גיט איין זקן פֿאר איין יונגר חבֿר . איין בעל ביתֿ קודם
לחתֿן . איין חתֿן דארף גר ניט עולה לתורה בשבתֿ זיין
אם לא מפֿורסם לחתֿן ווער . דהיינו החתֿן דער אצל נאמנים קנס
גליגט האט או בשבֿיל זה להנאמנים גצאלט האט כפֿי התיקון . אונ׳
חתֿן בשבתֿ שקודם החתֿנה שלו או בשבתֿ דאש ער מתנותֿ להכלה
גיבט אונ׳ חיובֿ איז מעג ער לאחר בעל ביתֿ קודם שבֿיעי ווערין
אויף גרופֿין . וכן הדין ווען איין רגירנדר פרנס . אלטר פרנס . רגירנדי
ג״ל . אלטיר ג״ל . או מורינו מעכֿטין חיובֿים זיין מוזין באופֿן הנזכרים
אויף גרופֿן ווערין . הבעל סגן אין זולכֿן גפֿאל רופֿט דאך זיין מספר
אויף לאחר שבֿיעי . אונ׳ שבֿיעי ווערט תמיד בפֿני עצמו פֿאר
קאפֿט . והשמש מוז לבעל סגן החיובֿים מודיע זיין כדי ער
ווישן זאל לפֿי כבֿודם אויף צו רופֿין :

**ס נערים**
דיא פנויים זיין דארפֿין ניט בשחריתֿ של
שבתֿ ויום טובֿ עולה לתורה זיין בביתֿ

הכנסת֗ הגדולה כי אם להפ֗טרה אודר זיא
מוזין חיוב֗ים זיין כמו בר מצוה או סנדק . דאך ניט פ֗אר
בעלי בתים אויף גין . ובשאר בתי כנסיות֗ מעגין יוא בשחרית֗
דשבת֗ עולה לתורה זיין . דאך לאחר שב֗יעי אם לא כהנים
או לויים . אבל לא בימים טוב֗ים ומכל שכן בימים הנוראים

אונ׳

[41 – 18r]

תקנות הקהילה יח

אונ׳ דארפ֗ין אך קיין סגן שטין . דאך הרשות֗ בידם סגן צו קאפ֗ין
בשאר בתי כנסיות֗ הנ״ל ובעל בית֗ במקומם צו שטעלין :

**סא דאש**

דער עולה לתורה איז מחויב֗ לנדר לד׳ צדקות֗
דהיינו לביקור חולים . בנין בית֗ הכנסת֗
לומדי תורה תיקון בית֗ חיים . והחיוב֗ים
זיין מחויב֗ לנדר גם כן לצדקה . וכן בימים הנוראים אלי
עולים לתורה מחויב֗ים ג״כ לנדור לצדקה במתנת֗ יד ושמחת֗ תורה
חייב֗ים לנדר גם כן לארץ ישראל : דהיינו ווער גטאקסירט
שטיט אויף שלשים פלעטין ולמעלה מחויב֗ לנדר לכל אחד מהצדקות֗
הנ״ל לפחות֗ שלשה ב״ש . מחמשה עשר עד שלשים פלעטין
לפחות֗ שני ב״ש לכל צדקה הנ״ל . אונטר חמשה עשר פלעטין
לפחות֗ א׳ ב״ש לכל צדקה הנ״ל . ואצל הברית֗ מילה שמנדרין אחר
שנמול הילד מוז הבעל ברית֗ וסנדק ומוהל מנדר זיין כערך
הנ״ל להצדקה של לומדי תורה קודם שינדר לתלמוד תורה
ובזמן שמברכ֗ין לחולה ינדר בהמי שבירך בערך הנ״ל לביקור
חולים שמחויב֗ לנדר לצדקה הנ״ל קודם לשאר צדקות֗ :

**סב דער**

עולה לתורה איז דארף ניט מער מאכ֗ין אז
איין מי שבירך וואו אין לא יות֗ר דארף
פורט בשם זיין אז שלשה פרשוין . ואב״ד
דקהלת֗ינו חוץ למספר גם הפרנס החודש מעג ער פורט בשם
זיין חוץ למספר . דאך החזן דער בייא זאגין עם שאר
הפרנסים וגבאי צדקה זונדר ווייטר קיינם פורט בשם צו זיין
ומי שיעלה לספ֗ר תורה אונ׳ איין פרנס או גבאי צדקה אין זיין
מספר וועלט מאכ֗ין בתוך מי שבירך מוז ער גם הפרנס החודש

לפִי כבֹודו מאכִין אונ׳ פורט בשם זיין ויכלול עם כל הפרנסים
וגבאי צדקה כנ״ל . ואפִילו לומדים הנקראים בשם מורינו
זיין גם כן בכלל במספר השלשה . יולדותֿ דיא אויז קינד
בעט גיט ובעלה חיובֿ ווער . איז זיא עם הילד בוסן מספר .
ובימים הנוראים דהיינו מראש השנה עד אחר יום כיפור זאל מן
מעגין בתוך מי שבירך מאכִין כפִי ראותֿ עיני הפרנסים וגבאי

ה ב 2 5
צדקה

[42 – 18v]

תקנות הקהילה

צדקה יצ״ו . אונ׳ קיינר זאל קיין נאך מי שבירך אפרטא
מאכֿן אם לא נאך הגבה אונ׳ דען דאך ניט אנדרשט אלז לחולה חס
ושלום ליולדתֿ . לגומל בענשט . ולהצלחתֿ הדרך . ולקטנים דיא עץ
חיים האלטין . איין מי שבירך מאג ווערין גמאכֿט :

איין יונג דארף קיין הגבהה היבן אם לא
שמפֿורסם לחתֿן כנ״ל בסימן נ״ט . דער הגבהה נעמט זאל
מוזין שלשה עמודים פותֿח זיין על השלחן כדי שלא יבוא לידי
מכֿשול חס ושלום . בקנס שני ר״ט להעובר :

**סג ווער**
זיין זון פֿר דש ערשטי מאל בבה״כ ברענגט מוז
דש קינד עץ חיים האבין . וישלם בשביל זה לצדקה
ווען שון ניט וויל לאזין האלטין . דהיינו אם אבי
הבן גטאקסירט שטיט מששים פלעטין ומעלה יתן א׳ ר״ט . משלשים
עד ששים חצי ר״ט . אונטר שלשים רביעיתֿ ר״ט . ומחויבֿ
זעלכֿש להשמש מודיע צו זיין קודם דאש עץ חיים אויז גשטיגן
ווערט אום זולכֿש באותֿו פעם ניט צו פֿר קאפִֿין . ובאם
שני ילדים או יותֿר ווערין זאל הפרנס החודש ביניהם גורל ווארפִֿין
אונ׳ דר זולכֿש פֿר שפילט זאל עץ חיים בפעם אחר האבין :

דש קרובֿי המתֿ דיא הנפֿטר וועלין לאזין אין מימר בוך
להזכרתֿ נשמה שרייבן זאלן ג״כ דר פֿאר מוזין בצאלן לצדקה באופֿן
הנ״ל . דש ווען הנפֿטר בחייו האט גהאלטין מששים פלעטין
ולמעלה א׳ ר״ט . משלשים עד ששים חצי ר״ט . אונטר
שלשים רבֿיעיתֿ ר״ט . וכן ווען אשתו נפֿטר ווער גווארן
ווערט נאך הבעל גרעגולירט באופֿן הנ״ל . גם זאל הסופֿר

והשמש ביחד דער פֿאר גניסן ט״ו ב״ש אונ׳ מוז גשעהן
בידיעתֿ וברשותֿ הפרנס החודש :

**סד בשמחת**
תורה זאל הפרנס החדש מוזין
סגן נעמין אונ׳ ווערט ניט פֿאר
קאפֿט . והפרנס החודש זאל
אויף רופֿן גלייך פֿוליגט . כהן ולוי והגאון אב״ד ואחריו
הדיינים דקהלתֿינו . ואחריהם עוד ארבעה עשר אנשים

וואו

[43 – 19r]



וואו אונטר מוזין זיין דיא לעטשטי . אב גיגאנגני פרנסים והגבאי
צדקה לפֿי כבֿודם . ואם יוכֿשר בעיני הפרנס החודש
או בתֿוך מספר הארבע עשר דיא רעגירנדי פרנסים וגבאי
צדקה לפֿי כבֿודם אויף צו רופֿן הרשותֿ בידו . אונ׳ זאל
המספר ממלא זיין עם זקנים מיחידי קהלתֿינו או תלמידי חכֿמים
מוסמכים בשם מורינו עד תשלום ארבעה עשר הנ״ל :

וכֿן בתשעה באבֿ בשחריתֿ נעמט הפרנס החודש סגן
כנהוג . ויקרא לספֿר תורה כרצונו . וכֿן אלי אנדרי מצותֿ איז ער
מכֿבד לפֿי רצונו אונ׳ ווערין ניט פֿאר קאפֿט . אבֿל במנחה
דתשעה באבֿ נעמט הפרנס החודש וואול סגן אונ׳ רופֿט אויף
השלשה אנשים דיא בשחריתֿ עולה לתורה זיין גיוועזן
דאך אנדרי מצותֿ ווערין פֿאר קאפֿט :

גם בשאר ימותֿ השנה וועז סגן בלייבן זעלט זוא זאל עש
הפרנס החדש נעמין או אחד משאר הפרנסים וגבאי צדקה :

**סה דאש**
קיין מקום שבביתֿ הכנסתֿ הגדולה זאל
ווערדין איבר שריבן אודר גיטראנצפורטירט
אלש נאך דעם זעלביגן מקום מן האט
מכֿריז גיוועזן שלשה פעמים בביתֿ הכנסתֿ הגדולה . בשני
וחמישי ושני . שכל מי שיש לו זכֿיותֿ על המקום יבֿא אצל
הפרנס החדש ויבֿרר דבֿריו . אונ׳ ווער זעלט זכֿיותֿ האבין
איז ער מחויבֿ זיך צו אדרסירן אצל הפרנס החודש על כל פנים

קודם יום אחד שלם לאחר ההכֿרזה שלישיתֿ גישעהן איז .
ובאם עד זמן הנ״ל ניט קומן איז אבֿד זכֿותֿו . והשמש
גניסט פֿאר שלשה הכֿרזותֿ הנ״ל מכל מקום ששה ב״ש .
וקודם עשרים וארבע שעותֿ אחר הכֿרזה שלישיתֿ הנ״ל דארף
ניט גיטראנצפורטירט ווערין אין עש פרטיקאל . גם מחויבֿ
השמש דביתֿ הכנסתֿ הגדולה אום הגובֿה אב צו פֿראגין אויב
המוכֿר והקונה או דער זעלביגר דער המקום על שמו איבר
שריבן קריגט אייניגי רעשטאנטין לצדקה או אין דיא האל חייבֿ
זיין כדי דאש עש זעלביגי ביצאלט ווערט קודם המקום
איבר שריבן ווערט . אונ׳ ווען כל הנ״ל פֿאר ריכֿט איז

אונ׳

[44 – 19v]

תקנות הקהילה

אונ׳ קיין מערער וטוען קומן . ווערט המקום
גיטראנצפורטירט באופֿן הנזכר בסימן ד״ז :
אך זאל קיין מקום בביתֿ הכנסתֿ על שם
פנוי מעגין גישטעלט ווערין . אם לא דאש ער זיך
ערשט זיין חזקתֿ הקהילה האט גיקאפֿט . וכפֿי תיקון
קהלתֿינו יצ״ו . אונ׳ דען מוז נושא בעול כשאר יחידי קהלתֿינו
זיין . גם זעלין מקומותֿ של ביתֿ הכנסתֿ הנ״ל ניט ווערין
בילעהנט על ידי אורחים או תושבֿים . ופשיטא דאש אן
קיין אורח ותושבֿ איין מקום דארף ווערין פֿאר קאפֿט .
אודר איבר שרייבן על שמו . אך זאלין קיין חבֿרותֿ
שבקהלתֿינו איין מקום דארפֿין קאפֿין באיזה אופֿן שיהיה .
אך ניט על שם החבֿרה איין מקום צו לאזין טראנצפורטיהרן :

**סו דאשׂ**

ההוצאותֿ בשבֿיל דאז איבר שרייבן מן כל
מקום בפראטיקאל מן המוכֿר והקונה .
וכֿן מן הנותֿן והמקבל ביחד מוז ווערין
גיצאלט . דהיינו פֿאר אב אונ׳ אן שרייבן בפרטיקאל י״ב
ב״ש לצדקה מן כל מאה וואז דמי המקום ביטראגט . להסופֿר
י״ב ב״ש פֿון אידרי שטאט . ולהשמשים דביתֿ הכנסתֿ הגדולה
ביחד י״ב ב״ש . אונ׳ ווען מעשה ביתֿ דין ניטיג ווער זוא זאלין
ההוצאותֿ מזה מן המוכֿר לבֿד ווערין גיצאלט . אכֿן באם
הקונה ליתֿר בטחון האבין וועלט איין מעשה ביתֿ דין זוא ביצאלט

הקונה לבֿד הוצאותֿ מעשה ביתֿ דין . אונ׳ ההוצאותֿ מן
המעשה ביתֿ דין זיין חמשה עשר ב״ש לאב״ד נר״ו וחמשה
עשר ב״ש לדיינים . וששה ב״ש להשמש דביתֿ הכנסתֿ
הגדולה . ובאם איינר איין מקום בירושה קריגט זאל היורש
כל ההוצאותֿ לבֿד מוזין צאלין . אונ׳ ווען המקום ניט פֿאר
קאפֿט ווערט כמו ירושה ומתנה וכיוצא בזה . זעלין הפרנסים
או הנאמנים הממונים לכך שעצין דמי שוויו . כדי דא פֿון
להצדקה צו ביצאלין מן כל מאה באופֿן הנ״ל . והמקום דאז בביתֿ
הכנסתֿ פובליק פֿאר קאפֿט ווערט על ידי השמש כנהוג זאל
השמש דא פֿאר גניסן חצי ר״ט :

סז באם

[45 – 20r]



**סז באם**

מקום בביתֿ הכנסתֿ שלשה פעמים נכֿרז
איז גווארין כתיקון הנ״ל . ותוך ששה
חדשים אחר ההכרזה ניט מעכט איבר
שריבן זיין גווארין . זוא זאל המקום ניט ווערין גטרנצפורטירט
ביז ערשט מחדש ווידר שלשה פעמים שני וחמשי ושני נכֿרז
ווערט כפֿי התיקון . אונ׳ אפרטא אויז רויף געלט מוזין
ביצאלין להשמש כנ״ל :

**סח דאש**

דיא האקריש פֿון דיא האל אן קיינם קיין
פֿלייש דארפֿין בורגין . ואם עובֿר זיין
איז זעלבֿש פֿאר אייגני חשבון . אכן
לבעל הביתֿ בקהלתֿינו דער מקום בביתֿ הכנסתֿ הגדולה על
פֿאליא שלו העט אן זעלבגין מעגין זיא בורגין עד סך עשרים
וחמשה זהובֿים ולא יותֿר . ובאם גמעלטר בעל ביתֿ זיין חובֿ
ניט צאלט הרשותֿ נתֿונה אן דיא האקריש החובֿ עד עשרים וחמשה
זהובֿים על חשבון של קהל צו מעגין ברענגן . ובשבֿיל כך האט
הצדקה היתרון אונ׳ פֿאר רעכֿט מיט אירי חובֿותֿ פֿר אלי אנדרי
בעלי חובֿותֿ . דאז ווען מקום בביתֿ הכנסתֿ ווערט איבר
שריבן אודר גטראנצפורטיהרט הן מרצון הצדדים או על ידי
עקסעקוציא זאל קודם לכל חובֿותֿ הצדקה או רעשטנטין וואז הבעל
דבֿר שהמקום שלו חייבֿ ווער ערשט ווערדן בצאלט ואפֿילו ווען

המלוה או בעלי חובֿותֿ של המקום להקרן של ההלואה וואז אויז גליגט
האט ניט במלואה קענט בקומין :

**סט קיין**

בעל ביתֿ ואורח ותושבֿ זאל דארפֿין לפֿני
התיבֿה קומין להתֿפלל וועז שון יאר צייט העט
או אבל ווער כי אם המשועבדים לקהל יצ"ו
והממונים לכך . חוץ בימי השליחותֿ וימים הנוראים מעגין וואל
בעלי בתים אורין כנהוג . והכל מוז גשעהן על פי ציווי הפרנסים
וגבאי צדקה יצ"ו . ובסוף חודש אלול זיין הפרנסים וגבאי
צדקה יצ"ו מחלק התפֿלותֿ וכאשר היה המנהג עד עכֿשיו .
גם בתשעה באבֿ דארף קיין בעל ביתֿ מעצמו איין ציון מקונן זיין
בלי רשותֿ הפרנס החודש דער אים דען זעלכֿש מכֿבד איז על

ידי

[46 – 20v]

תקנות הקהילה

ידי השמש : כהאי גוונא הפרנס או הגבאי שבשאר בתי
כנסיותֿ : והעובֿר על הנ"ל יתן קנס לצדקה עשרה
ר"ט :

**ע דאש**

כל הדרים בקהלתֿינו הן בעלי בתים כמו
אורחים ותושבֿים זעלין מחויבֿ זיין לקיים
ולהחזיק כל מנהגי דתֿ יהדותֿ הנהוגים
בתפֿוצתֿ ישראל . אונ' וואז דא אן דיפֿענדיהרט . והאיש אשר
ישים אל לבו אויף איינגי זך עובֿר צו זיין יהיה נדחה מן כל הבתי
כנסיותֿ אונ' קיין דבר שבקדושה אים צו גלאזין ווערין עד שיתחרט
על פשעיו ויעשה תשובֿה שלימה אשר יושתֿ עליו מן הגאון אב"ד
דקהלתֿינו נר"ו ואף על פי כן זאל אים קיין מצוה בביתֿ הכנסתֿ
צו גלאזן ווערין עד שיהיה נודע לכל דאז התשובֿה כהוגן האט
גיטאן עד כלותֿ זמן תשובֿתֿו דז אים אויף גליגט איז וואהרן
מאב"ד כנ"ל :

**עא דאש**

מן קיין בני הזונה וכיוצא בהם זאל דארפֿין
מל זיין באיזה ביתֿ הכנסתֿ שיהיה בקהלתֿינו

יצ״ו . והעובֿר על זה ישלם קנס לצדקה
עשרה ר״ט :

**עב דאש**

קיינר זיך דער וועגין זאל בקהלתֿינו אום
איינגי שפיל הייזר טאנץ קאמירז וכיוצא
בהן אויף צו האלטן . ומכל שכן דז קיינר
פֿר קערין זאל אין דער גלייכֿי הייזר ופשיטא ניט פֿר ליצן אודר
טאנץ מיינשטר שם צו דינהן . ווײלן גמעלטי הייזר זיין מחטיא
הרבים . אונ׳ זיין גורם מכֿשול גדול בקהלתֿינו בעו״ה .
והעוברים על הנ״ל ווען זעלבגי בעלי בתים בקהלתֿינו זיין האבין
איר חזקתֿ הקהילה פֿאר לארין . אונ׳ פשיטא קיין צדקה
דארפֿין גניסן . ובאם אורחים ווערין עולמיתֿ צו קיין חזקתֿ
הקהילה קענין גרייכֿן . נאך פֿיל וויינגר איינגי סיוע מן הצדקה
קענין בקומן . והן בעל ביתֿ או אורחים ותושבים זאל מן צו

קיין

[47 – 21r]

תקנות הקהילה כא

קיין דבר שבקדושה לאזין קומין מלבֿד דז מן זיא ווערט מכֿריז זיין
לפרסם קלונם ברבים :

**עג דאש**

לטובֿתֿ ותועלתֿ קהלתֿינו יצ״ו אונ׳ אום
